STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00556

IN SHOEN FUN LIBSHAFT

Esther Shumiatcher-Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Mr. & Mrs. Harry Stern
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

אסתר שומיאַטשער

אסתר שומיאַטשער

אין שעהן פון ליבשאַפט

(לידער און פּאָעמעס)

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

E. Szumjaczer — „In szoen fun libszaft“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

דעם ליכטיקן אָנדענק

פֿון מײַן יונג־פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער

יהודה בן אברהם ז״ל

אין שעהן פון ליבשאַפט

אין שעהן פון ליבשאַפט

I

ברענט מנורהדיק, איר, מיינע ווייסע ליכט
און לייכט מיר העל דעם וועג צו זיינע טריט.

איך האָב טויבן צוויי מיט בשורות פון אַ וויטן ברעג צו אים געשיקט;
טויבן זענען קיינמאָל נישט געקומען צו מיין ברעג צוריק.

איך האָב געציילט די איינגענג און זיין טיר געצייכנט רויט
און געוואַרט אויף נס, צו לייגן מיין אויסגעבענקטן קאָפּ צו זיינע פיס.

און ווען איך בין חופּהדיק געשטאַנען גרייט ביי מיינע ווייסע ליכט,
האָט זיך אין שפּיגל־גלאָז, אין קרימעניש געצוקט אַ קרייד־געזיכט:
— ביסט נאָך נישט גרייט...

זז

אוודאי האָב איך אויך מיין בענקשאַפט אויף דעם ווייס פון שניי געלאָזן
ערגעץ אין אַן אויסגעחלומט לאַנד,
און האָב אײנאײנעם מיט שאַקאַל־געיאָמער מיין ליבשאַפט באַטרויערט.
פונדעסטוועגן האָב איך מיין גוף געזאַלבט,
אַז בשמימדיקער זאָל אַיעדער גליד מיין חלום איבערוואַכן.
פאַר אַיעדן טאָג אָפּגייענדיקן האָב איך אַ סטענגע צו מיין פענצטער צוגענעגלט
און דעם שטערנוועג פאַרלוירן אין די אײנזאַמקייטן פון די נעכט.
צו בלייכן חצות צו איז מיין מידער קאָפּ געפאַלן
צו די טרעפּלעך פון דיין שוועל
און מיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט:
— זיי מיך נישט מצער...

III

ניט פרעג מיך, מיט וואָס פאַר אַ בשורות איך בין צו מיין
היימלאַנד געקומען,
ניט פרעג...

ניט פרעג מיך, ביי וואָס פאַר אַ קוואַלן בין איך אין דורשטיקייטס-
ווייען אַנידערגעפאַלן,
ניט פרעג...

ניט קלייב און ניט זיפּ מיינע שטרויכלונגען, בונט ווי דאָס פייער
און דין ווי אַ ליכטיקע האָר איז,
ניט קלייב...

ניט שטער מיר מיין מאָלצייט, וואָס איך האָב געמישט מיט אַלערליי סמען,
ניט שטער...

ניט שענד און ניט לעסטער די קלאָרקייט פון הענט אויסגעבענקטע,
ניט שענד...

IV

פון די טיפענישן קומט אויף צו מיר דיין ליכט,
דו, פון דער טיף דערוואַכטער.
געזוכט האָב איך דיין אָנבליק און דיין שיין
אין אַ וועלט אַן אויסגעדאַכטער.

פון די טיפענישן קומט אויף צו מיר דיין ליכט,
דו, פון דער טיף דערלייזטער.
איך באַוואַך און טראָג דיין לויטער אָנגעזיכט,
דו איינציקער, געטרייסטער.

V

אין נאַכט האָט די ליבשאַפט געזוגגען ביי אונזער צוקאָפּנס;
אין איין נאַכט האָבן יעריקע בענקשאַפטן אין נאַכטיקער שויס
זיך צעפלאָסן.
מיר האָבן אויף אייביקע טעג זיך אין טויזנטער שפליטער געטיילט
און ווידער געאייניקט.
מאַן מיינער, — האָב איך גערופן, — מאַן, אויסדערוויילטער!

מיר זענען ווי קינדער באַגליקטע געגאַנגען דעם אָוונט אַנטקעגן.
ווייניק זענען די ווערטער געלעגן אויף אונזערע ליפּן.
אַ פריידיקער שוויגן האָט זיך געכוואַליעט ביי אונזער צופוסן,
מיר זענען ווי קינדער באַגליקטע געגאַנגען דעם אָוונט אַנטקעגן.

VI

ביסטו געשטאַנען ביי מיין שוועל אַן אויסגעפּייניקטער
[פון יאָרן וואַרטן ;
מיט רחמים-הענט פאַרבלייכטע און מיט צוקנדיקע שלייפן,
און אויף הייסע ליפּן :
קום !
האָב איך מיר אין יענער רגע דערפילט ווי אַן אָנגעצויגענער זעגל
אויף אַ ווייטן וואַסער, ערגעץ ביי אַ געלן ברעג,
וואָס שטענדיקע ווינטן טראָגן אין אַ קרייז
און לאָזן מיינע טעג נישט אַנקערן :
די קלאָרקייט איז שוין לאַנג פון ווינט פאַרשמיסן און צעפליקט.
צופיל זונען האָב איך געלאָזן זאָלן ברענען מיינע טעג
און פון צופיל רעגנס איז מיין לייב פאַרשמיסן.

VII

מײנע טרערן־טראָפּן אויף דײנע שפּיצן פינגער,
אָ, מײן נאָענטער, מײן אײנציקער, פאַרגיב!
װער װעט אײנזאַמלען די ליבשאַפטן פון יאָרן
און מיט באַלױבונג בענטשן מײנע טריט?

איך האָב פאַר דיר געעפנט אַלע קװאַלן
און פון דײנע הענט געזוכט באַשײד.
פון יאָרן אַ געפּרװוטער ביסטו בײ מײנע טריט געלעגן
און פאַרהערט אַזאַ סודותפולן, אַזאַ שטילן רוף.

אין לבנהדיקײט איז פאַר דיר געלעגן אַזאַ פאַרשמאַכטער גוף
און פון דײנע הענט געזוכט באַשײד.
װי אַ באַרױשטער ים אין עב און פלוס האָבן געפליסטערט דײנע רײד
און האָסט פאַרהערט מײן סודותפולן, שטילן רוף.

װער װעט אײנזאַמלען די ליבשאַפטן פון יאָרן
און מיט באַלױבונג בענטשן מײנע טריט?

VIII

נ ישט קיין ווייטע ימען טיילן אונז פונאַנדער,
בלויז אַ דינער שטח אין דער לופטן שוועבט און רונצלט אונזער קלאָרקייט.
וואַרט איך שוין פון לאַנגע שעהן דיר אַריינצוקוקן אין די אויגן
און דיך פרעגן:
איז די שעה געקומען איך זאָל זיך אָנקליידן אין אַטלעסדיקער כלה-ווייסקייט
און טראָפנווייז די פערל-בלאַסקייט שנירלען אויף מיין אויסגעבלייכטן האַלדז?
וואַרט איך שוין פון לאַנגע שעהן דיך צו פרעגן:
איז די שעה געקומען,
ליבסטער?

IX

מיט טרײַשאַפט װעל איך דײַנע טעג באַדינען
און קינדערלעך געבוירן פֿאַר דײַן ליבשאַפט,
מיט שטילקייט װעל איך אונזערע טעג דערציִען
און װעל זײ לערנען װי אין שטילשװײַגן צו בליִען.

אין שטערן־נעכט װעל איך פֿאַרװיגן אונזער קלײנװאַרג
און קושן הײס און מאַמעדיק דײַן פֿולע ליבשאַפט.
װי אַ טראָפּן נאַכט װעל איך אויף דײַנע הענט זיך לײגן
און פֿון אונטערן האַרצן דיר אַ ציטעריקן סוד דערצײלן.

X

בישט איינמאָל האָט אויפגעוואַכטערווירבלווינט מיין וואַסער־גלאַט גערונצלט.

בישט איינמאָל האָב איך נאָכן גאַנג פון ווינט, אין טונקלקייט פון נעכט, מיט פולע הענט פאַרצווייפלונג אָפּגעלאָזן מיינע טריט ווי הינט פון שטריק

און בין צו אַיעדן טרוקן וואָרצעלע און בלאַט פאַרגעלטן צוגעפאַלן

און מיט טרערן פון מיין קאָפּ אַרויס די טריקענישן מיינע אויפגעפרישט.

XI

ביי אומעטיקע וואַסערן
בין איך געווען דיין נאַכט.
דו, מיין איינציקער, דערוויילטער,
איך האָב דיך אויסגעטראַכט.

געצייטיקט האָט דער זומער,
איך האָב געשטעלט אַ וואַך:
געוואַרט האָב איך דיין קומען,
געוואַרט האָט ברייטער שליאַך.

געקליבן שמעקעדיקע בלעטער,
באַוואַכט אַיעדן שאָרך.
געזאַלבט האָב איך מיין אַקסל —
איינציקער, דערוויילטער, האָרך!

געגרייט האָב איך דיין קומען,
געוואַרט און אויסגעהיט;
אין בלוט האָט אָפגעקלונגען
גאַנג פון דיינע טריט...

XII

ערד פון מיין ליבשאַפט,
ערד פון מיין וואָר.
פאַר דיר אַזאַ טריישאַפט,
אַ יאָר נאָך אַ יאָר,

ערד פון מיין ליבשאַפט,
ערד פון מיין לייב...
אַפילו אין ענגשאַפט,
איך בין דאָ און בלייב.

ערד פון מיין וואונדער,
ערד פון מיין זיין.
אין טריט פון יאָרהונדערט
גייט אויף אַזאַ שיין.

XIII

ביים שיין פון לבנה האָסטו מיינע אויגן געקושט
און מיך ביי מיין נאָמען גערופן: — מיין איינציקע פרייד!
איך וויל זאָלסט אַ זון מיר געבוירן, מיין גאָלדענע קריין,
און טראָגן די פרייד פון מיין בלוט און מיין ביין.

לבנה האָט פייכט פון די הימלען געטראָפנט איר ליכט;
ס׳האָט ווי אַ שטערן געבוירן אַ זילבערן ליכט.
און וואַרים און שטיל האָט אין בלוט אויפגעלויכטן די גילדערנע וואָר:
איך וועל דיר אַן ערשטלינג געבוירן צום דרייס׳יקסטן יאָר.

נישט געקומען

אַלע וועגן זאַמד און שטויביק.
ברונעמער אויסגעטריקנט, ליימיק.

שמעקט מיין דיל מיט סאָסנע־ריח:
איך וואַרט פון לאַנג מיין גוטן אורח.

זיבן ליכט אין לייכטער אָנגעצונדן
און שלייפעלעך פון שטילע רגעס אויסגעבונדן.

אָנגעטון אַ ווייסע, לייוונטענע העמד;
פאַרגאַרטלט מיט רויטן גאַרטעלע, געבראַכט פון פרעמד.

מיין גאָרטן איז מיט בלוי פון ליין געדעקט —
האָב איך גאַרטל מיט בלויע צוויטן אָנגעשטעקט.

שימערירן זיבן ליכט אויף מיינע ברעמען...
— די קלאָרקייט פון די הענט פאַר וועמען?

האָב איך זיבן ליכט אין לייכטער אויסגעלאָשן
און טיר אויף ריגל צוגעשלאָסן.

שימערירט לבנה־בלאַסקייט אויף מיינע ברעמען...
— די קלאָרקייט פון די הענט פאַר וועמען?

* * *

האָסט צו מיר גערעדט אַזוינע שטרענגע רייד
אַ נאַכט פאַר אונזערער צעשיידונג.
ס׳האָט דאַן געהאַט שוין אָפּגעבליט דער רויטער מאָן
און אַ הייס־פאַרבענקטער מדבר איז געלעגן אַ וואַכער צו די פיס.
כ׳האָב אויפגעקליבן אַ דינעם זעמדעלע אַלס זכר
און דו האָסט נישט געוווסט...

* * *

װילט זיך מיר אַזוי היינט װײנען
און דו האָסט פײנט ס'געװײן פון װײב.
װיל איך צופאַלן, צופאַלן צום אַקסל פון אַ װײטן אַזאַ איינעם
און זאָגן: — איך װײן, װײל איך בין װײב.

און דו װעסט קוקן מיר אין פּנים אַזאַ פאַרעקשנטער און פרעמדער
און דערװײטערן זיך פון שװעל װעט דײן געשטאַלט.
איך װעל ציטערן און רופן דיך מיט װערטער און מיט שפּרוכן
פון אַלע לענדער
און װעל זיך אײנקלאַמערן אין דײן געשטאַלט און שעפּטשען:
נישט פאַרהאַלט...

אַװדאי נישט אומזיסט איז ער צו מיר געקומען,
פאַרנײגט זיך טיף און שטיל און װײך האָט אָנגערירט מײן האַנט
און מיר געזאָגט: איך האָב געמײנט, אַז דו װעסט קומען, קומען...
זײן שטים געװען איז מיר אי נאָענט, אי באַקאַנט.

ער קומט צו מיר פון שטענדיק אָן אין פרײלעכסטע מינוטן;
קומט און שטעלט זיך דורכזיכטיק פאַר מײן געמיט.
צעקושט זיך װי אַן אײגענער און נאָענטער מיט מײנע בלוטן
און לײגט אויף ברעם מיר נידעריק אַ דינעם, אומעטיקן שניט.

* * *

אונזערע ביינאַכטן ליגן מיט טיכער צוגעדעקטע.
מזרח קוקט אַריין פאַרשעמט אין אונזערע שויבן.
וואַלגערן זיך חלומות אויפן דיל באַפלעקטע —
אויף די דעכער וואָרקען קלאָרע טויבן.

קום פרייד אין בעכערס גיסן
און לידער פלעכטן נישט פאַרפעלן,
רעגן־טראָפ האָט אָנגעפילט די גראָבנס ביז אַריבערפליסן —
ערד האָט גאַרטלען אויפגעלאָזן אין איר קוועלן.

שנירלען זיך די טעג אין פערל־בלאָסקייט,
איבער פעלדער אויסגעשפרייט אין צוויט־צייט.
איך האָב קוישן אויסגעריטלט, אויסגעפלאָכטן —
אין זיי סערפּן בלאַנקען, וואַרטן שניט־צייט.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין אַ הייס־פאַרחלומטן פאַרטאָג.
אויף שוועל אויף דיינער איז נאָך געלעגן די נאַכט אין זילבער פונעם טוי.
דיין וואַרים בליק האָט צוגעצויגן מיינע טריט ווי צו אַ קוואַל פון
אַ פאַרבענקטער ליבשאַפט,
אויף דיינע ברעמען האָט געציטערט דער טונקל פון בענגאַליעס בלוי.

דו האָסט גענומען מיינע הענט אין דיינע,
מיינע זעקס און צוואַנציק זומערס האָבן זיך צעבליט
אין דיינע זעקס און זעכציק אָנגעגליטע זונען,
און בלויז אַ טראָט אַן איינציקער האָט מיך פאַרהיט פון לעצטן שריט.

דו האָסט גערעדט צו מיר אין שפּראַך פון דיין געבוירן
און הייס און צאַרט האָט יעדעס וואָרט געצויגן דורך מיין בלוט.
איך וואָלט די טונקעלע האָר מיינע פאַר דיר געשוירן
און וואָלט פאַר דיר געגעבן דעם ריינסטן טראָפּן בלוט.
וואָס זענען יאָרן דען אין טעג פון וווּנדער,
ווען בלויז אין חלום איז זעעוודיק דער קלאָרסטער שטערן,
ווען בלויז אין שוואַרצאַפּל צעגליט זיך רונד און רונדער
דער טרוים פון יאָרן צענדליקער אין האַרצן פון באַגערן ?

דו האָסט גענומען מיינע הענט אין דיינע
און שטיל געזאָגט : מיין חלום האָט געוואַרט אויף אונזער געבוירן,
איך האָב נישט געוווּסט ווו זענען דיינע הענט — ווו מיינע
און האָב געזאָגט : איך וואָלט די טונקעלע האָר מיינע פאַר דיר געשוירן.

אין דער גאָלדענער פּרעסט

אין דער גאָלדענער פּרעמד

אין דער גאָלדענער פּרעמד, אין דער גאָלדענער פּרעמד
ליגט אַ זוניק לאַנד ביי אַ גילדערנעם ברעג.
אין דער גאָלדענער פּרעמד איז אַ גאָרטן פּאַראַן,
גייט דער זומער דאָרט אום אין אַ גילדערן געשפּאַן.

אין דער גאָלדענער פּרעמד, אין דער גאָלדענער פּרעמד
איז פּאַראַנען אַ טייך, איז פּאַראַנען אַ פעלד.
אין דער גאָלדענער פּרעמד ביי אַ גילדערנעם בוים
וואַרט אַ פייערדיק פערד מיט אַ גילדערנער צוים.

אין דער גאָלדענער פּרעמד, אין דער גאָלדענער פּרעמד
שטייען בושלעס מיט פליגל צום מערב געווענדט.
אין דער גאָלדענער פּרעמד ביי אַ רויקן ברעג
איז געשווומען אַ גילדערנער שוואַן מיט די טעג.

אין דער גאָלדענער פּרעמד, אין דער גאָלדענער פּרעמד
איז פּאַראַנען אַ טאָג און פּאַראַנען אַ נאַכט.
אין דער גאָלדענער פּרעמד, זאַלבער אַכט, זאַלבער צענט
אין אומגליק פאַרגייען די גילדערנע הענט.

אין וואָגל

עס האָט פון די הימלען קיין טראָפּ נישט גערעגנט,
ווען מיר האָבן די קעמלען אין מדבר באַגעגנט.
מיר האָבן ווי טעג זיך אין מדבר פאַרזעצט
און פון מאָגערע לאָגלען דעם דורשט־ווײ באַנעצט.

אויף צעגליטן זאַמד האָט די רו אונז געפונען:
אויף געכוואַליעטן וויסט איז דער טרויער צערונען.
מיר האָבן דעם אומעט, ווי אײַזן געהאַמערט,
ווען ס׳האָבן שאַקאַלן דעם מדבר באַיאָמערט.

דריק, מײַן לעבן! דער ווינט רײַסט די טיר;
שטילער, מײַן לעבן! ס׳ברענט זון איבער דיר,
געפירט האָב איך דיך בײַ דער רעכטער האַנט
צום לויטערן לאַנד, אין צווייען געשפּאַנט.

*

באַלאָדענע קעמלען, אויף געכוואַליעטן בליאַסק פונעם זאַמד,
טראָגן מתנות פון ווייטע מדינות צום נאָענטן לאַנד.
ביי אונזערע שוועלן ווינט שפּע אַ קיילעכדיק יאָר,
דאָס וואַסער איז לויטער און קלאָר.

מיט טויזנטער ברכות געבענטשט ציען טעג;
באַטראָפּנטע גראָזן ביי יעטוועדער שטעג.
ביים שוועל פון געפרוווטן און שטילן געצעלט
רוט געלייטערט די פרייד פון דער וועלט.

גלוסטיקע

אײלנװײז געמאָסטן דײַנע װײַטן,
גלוסטיקע, דו, רױע ערד!
װי זאָל איך דײַן גלוסטיקײט פֿאַרבײַטן?
דיך צו טרעטן איז מיר באַשערט.

איך האָב געװועקט און האָב געצונדן דײַן פֿאַרטאָג
און פֿאַרריגלט אָװנטשלאָס.
טײליק נישט מײַן טאָג מיט האַרבער שטראָף,
בין זאַט מיט פֿולער טרױער־מאָס.

בײַ װײַטן שליאַך געריטלט און געשפּינט
און נישט באַגערט געפֿאַנג.
אײַנגעזאַמלט רױטע, בלױע פֿעדימער אין בינט
און אױסגעפֿלאָכטן אַ געשאַנק.

געשעפּט פון קלאָרע ברונימער האָב פולע קריג,
אָנצוטרינקען דורשט פון טאָג,
מיט לידער איינגעוויגט דיין טרויער־וויג,
איך קאַם דיין טאָג און צוואָג.

כ׳בין פול מיט וואָגלעניש און וואַנדערווינט,
ווי שייער נאָכן שניט.
געהאַקט אַ שטעג דורך וואַלדס געדיכטן לאַבירינט
און שטיי אין מיט צעבליט.

איילנווייז געמאָסטן דיינע ווייטן,
גלוסטיקע, דו, רויע ערד!
ווי זאָל איך דיין גלוסטיקייט פאַרבייטן?
דיך צו טרעטן איז מיר באַשערט.

בעגאַרעס, 1927

* * *

מיט פויגל געצויגן אין ווייטע מרחקים,
די האָגלען פֿאַרמיידן.
געקומען צום שוועל פֿון געזעטיקטן לאַגער,
געגרייט זיך האָבן שניטער צו שניידן.

געוויגט זיך די תּבואה, אַ זאַטע דערשטאַנען.
געשפּאַרט פֿון שייד האָט דער קאָרן.
מיט ליידיקן בין איך ביים שניט־פֿעלד געשטאַנען —
ס'האָט קיינער אַ זאַנג נישט פֿאַרלאָרן...

אינדיע, 1927

* * *

פּדייד געטיילט מיט צווייג און גראָז און קרייטער,
ביי ווייטן וואַסערל מיט מידקייט זיך געטוליעט.
אָוונט־פינצטערניש געצונדן אין דעם שייטער —
צוגעהערט ווי פייער האָט אין בלוט געהוליעט.

אויסגעטון פון לעבן, מיטן ווינט געטראָגן.
שטיין געלייגט צוקאָפּנס און געבענטשט זיין האַרטקייט.
אַ באַהעלטע אויפגענומען אַלע פּלאָגן
און געזונגען לידער אייגענער געגאַרטקייט.

* * *

פאַרנצם, פאַרנעם, מיין בלוט,
אין מיר דעם גאַנג פון וועלט;
אין בויג, זיג־זאַג און רונד,
איר גאַנג איז נישט פאַרשטעלט.

בליט מיין וועלט־פאַרמעג
באַבלעטערט און באַטויט,
באַרעגנט און באַזונט —
פיל חסד מיר פאַרטרויט.

קוואַל האָב איך באַוואַכט.
צער און פיין באַהעלט.
דורך טאָג און נאַכט געוואַכט,
טראָט האָט נישט פאַרפעלט.

ביי שוועלן ווייט און נאָענט —
איך בענטש דעם טרוקן ברויט;
מיין וואַנדער־מיד גערוט
אין רחבות און אין נויט.

צוואָג מיך אין דעם טוי,
וויטערט ווינט געביין;
געלערנט מיינע טעג
פאַרוויגן וועלטס געוויין.

באָמביי, 1927

מיינע טעג

איך צי אָן מיינע טעג אויף שטריק
און בינד זיי און קניפּ זיי
אין קנופּן,
זיבן מאָל זיבן.
זיי זאָלן נישט קענען ציצן
פון מיינע וואַסערן אומענדלעכע
צו דורשט פון מדברקייט.

איך צי אָן מיינע טעג
אויף שווערע שיפן-שטריק
און קניפּ
מיט קנופּן זיי
צו שווערן זעגלבוים,
זיי זאָלן נישט זינקען אין די טיפע אָפּגרונטן
אינאיינעם מיט דער זוניקייט.
מיינע טעג,
געריסענע פון אָוונטצייט,
געראָפּענע פון אָוונטליכט.

„מאַראַמאַ״, 1920

* * *

עס קומען מיך באַגעגענען פרעמדשפּראַכיקע,
ביי האַפּנס פון מדינות ווייטע און פרעמדלאַנדיקע.
דערקענען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע
אויף ווונק און בליק פון וואַנדערער.

מיר פרייען זיך און טיילן זיך, ווי נאָענטע פאַרוואַנדטעטע,
מיט שטרעקעס און מיט ווייטקייטן נישטדאָזיקע.
מיר ציען אָן די זעגלען און פאַרטרויען איינס דאָס אַנדערע
און עפענען דאָס ווייטע האַרץ פון וואַנדערער.

אַלבאַטראָס

אַלבאַטראָס,
אַלבאַטראָס,
דיין גוף — פּערלמוטער.
בראָנז דיינע פליגל,
וואַסער און הימל דיין אויג.

אַלבאַטראָס,
צעפלאָסענע כוואַליעס —
דיין שפּיל.
צעשלאָגענע שוימען —
דיין טאָג.

נע־ונד איז דיין גורל,
קרייצנדיק ווינטן
נאָך שיפן פון שטאָל.
צירקלענדיק,
נישטערט דיין הונגער
ערדישע אָפּפאַלן.
אַלבאַטראָס!

און ווען ליכט

ווערט אין טונקל דערטרונקען —

זענען כוואַליעס

דיין היים,

זענען כוואַליעס

דיין בעט.

אַלבאַטראָס,

אַלבאַטראָס!

פּאַהיטי, 1921

מאַורי־פּרינצעסין

מאַורי־פּרינצעסין,
שוועסטער מיינע.
דער אָוונט־שטערן בּאַלייכט דיין ברוינעם קאָפּ
און דער מאַנגאָ־בּוים בּאַקרוינט
דיין אינזל ראַראַטאָנגאַ.

דיינע אויגן זענען ווי איילבּירטן,
וואָס גליִען אין די תּאווהדיקע נעכט,
ווען די בּלויקייטן פון די וואַסערן
בּאַהויכן די זוימען פון דיין אינזל ראַראַטאָנגאַ.

שוועסטער מיינע,
דיינע בויגיקע קאַנוס
דערציילן פון שלאַנקן בוים,
וואָס אויף דיין רו־אָרט
און פון זוניקע פלינקע ברידער,
וואָס לאָזן זיך מיטן וואַסער און מיטן ווינט.

שטייסט ביי די ברעגן פון ראַראַטאָנגאַ
און כישופסט מיט דיינע אויגן
די שפּורן פון דער ווייטער בלאַסקייט,
וואָס קומט צו דיינע ברעגן כישופן
די ברוינקייט דיינע.

ס'וועלן די בלאַסע בליקן פון די ווייטע וועלטן
דיין זוניקייט ביז צו בלאַסקייט זייגן.
און דאַן וועט דער יאוש קומען
און טונקעלער, טונקעלער מאַכן
די זוניקע שוועסטער דיינע,
די זוניקע ברידער דיינע.

פאַרוואָס דען איז דיין איילבירט־בליק
פאַרצויגן מיט דער פרעמדער בלאַסקייט
פון די ווייטן?
מאַורי־פּרינצעסין!
שוועסטער מיינע!

וואַנגאַנוּאַי

צו די ברעגן פון וואַנגאַנוּאַי
קומען מאַורי-מיידן, טוקן זיך די ברוינע לייבער
צו דעם גאָט פון וואַנגאַנוּאַי.

ס'איז געווען צייט פון שקיעה,
האָבן אַלע מאַורי-מיידן מיט די נאַקעטע נישט-געטאַטוירטע-לייבער
אין וואַנגאַנוּאַיס וואַסערן געניידערט
די ברוינע ברוסטן דורכצוּלייטערן.

איז דער האַ-גאָט בייז געוואָרן,
האָט ער אַלע מאַורי-מיידן
פאַר אַ קרבן אויפגעפאָדערט
צו דער שקיעה.

קומען הייליקע מאַורי-טשיף-לייט
מיט די אויסגעטאַטוירטע לייבער
צו דעם גאָט פון וואַנגאַנוּאַי
תפילה-טוען.

בעטן זיי געבעטן פון פאַרגעבונג:
— ס'האָט דער האַ-גאָט אונז פאַרגעסן,
ס'האָבן די טעכטער אונזערע געזינדיקט,
נישט געלאָזט דאָס פנים טאַטוירן — —

האָבן זיך וואַנגאַנואיס וואַסערן געקאָרטשעט,
ס'האָט דער גאָט פון וואַנגאַנואי
זייער תפילה נישט פאַרנומען,
און ס'האָבן צייכנס זיך געררויטלט, אויף די וואַסערן
געציטערט...

ניוזילאַנד, 1921

קאַרו

דורשטיק זענען די אָדערן
פון דיינע פונדאַמענטן
און טרוקן דיין אָנגעגליט האַרץ, —
קאַרו.

אין די אָנגעגליטע טעג פון דיין לעבן
קוקט דער דורשט אַרויס
פון דיין דורשטיקער סאַרנע;
ווערן די אויגן פון דער סאַרנע
אין וואַנזין דערטרונקען,
טרינקט די זון
דיין ברענענדיקע אומרו, —
קאַרו.

פון צווישן דיינע אָנגעגליטע, גלוט־געפלעקטע שטיינער,
קוקן מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן
דיינע טויטע טייכן
אין צעברענטע בעטן
און לעכצן נאָך שטורעם און רעגן.
ברענגט דער מדבר
זיילן אומעט מיט זיך צעטראָגן,
פלאַנצט זיין מדברדיקן אומעט
איבער דיינע ווייטקייטן, —
קאַרו.

ווערט דיין מדברדיקער אומעט
פאַרוואַנדלט
אין אַ ציטערדיקער אומרו
פאַרן טאָג
וואָס קומט.
קומט די נאַכט און באַהויכט דיין טרוקנקייט
מיט אַ פייכטן אָטעם —
ציטערן דיינע בערגיקע פלאַכן, —
קאַרו.

איך האָב דיין בליק דערשפּירט
אין דיין גרויזאַמקייט,
אין דיין בענקענדיקער, אומעטיקער אומרו, —
קאַרו.

איך טראָג דיין אומרו אין מיין אומרו, —
קאַרו,
מיין קאַרו!

סאָרגיאַ, 1921

אויף אַפריקעס וועגן

אויף די ווייסע זאַמדיקע אַפריקעס וועגן
חלומען הפקרע טריט
פון בראָנזענע זולוז
און וואַכע באַסוטוס.

דורך טאָג און דורך נאַכט
ציען זיך בליקן פון טונקעלער פאַרחלומטקייט
דורך געפלען פון שוואַרץ-אַפלען
צו געל-גרינע טריט
אין זילבערנע זאַמדן
אַפריקעס וויטן.

ציט זיך אַ קינד פון פאַרגייענדיקן
געל-גרינעם האָטנטאָט.
דער לעצטער פון שבט.
זוכנדיק טריט פון זיין ברודער
אין אַפריקעס זילבערנע זאַמדן.

און מער נישט ווי טריטן פאַרחלשטע
האָט זיין פאַרגאַנגענער ברודער
אַ זכר געלאָזן
דעם לעצטן פון שבט,
אויף זילבערנע זאַמדן.
אין אַפריקעס וויטן.

זולולאַנד, 1920

קאַלאַהאַרי

נאָך נישט אויסגעטרוקנט זענען דיינע דורשטן
אין דער טיפעניש,
קאַלאַהאַרי.

עס ציען זיך ווי נערוון לאַבירינטיק דיינע אַנגעגליטע שעהן
דורך דעם וויי פון דיין צעגליונג.
וויפל גופים ס'קניפן אָן זיך
אויף געלעגערס ליגנדיקע
מיט דיין מדברדיקער בראַנדיקייט, —
קאַלאַהאַרי.
אין דיינע זאַמדן
וועט אויסגעטרוקנט ווערן
דער בליק פון בושמאַן.
און דורשטן וועלן דיינע זאַמדן
נאָכן טראָט פון פלינקן בושמאַן,
ווי עס דורשטן דיינע זאַמדן
נאָך די טריט פון לייב און לעמפערט, —
קאַלאַהאַרי.

עס ציט געדאַנק זיך ווייט צו די מרחקים
פון דיין גלי־רו אין די זאַמדן, —
קאַלאַהאַרי,
קאַלאַהאַרי!

* * *

דריי און דריי זיך, שפּינדל־ראָד,
איך שפּין אַ ליד ביי ווייטן טויער.
פרעמדע טירן ווערן נאָענט —
שפּין, פאַרוועב מיין רויטן טרויער.

איך טרעט און טרעט דיך, ווייטע ערד;
שפּילט דער ווינט אין באַמבוּ־בינט.
איך נייג מיין טאָג און ווער נישט מיד.
שפּיל, אָ, ווינט, מיט מיר אַצינד!

שפּיל, אָ, שפּיל, מיט מיר אַצינד:
קערן קוועלט און שפּאַלט דעם גרונט.
כ׳האָב צו ערד מיין טאָג געניינט,
טרייבט דער ווײַן פון פאַס דעם שפּונט.

דריי און דריי זיך, שפּינדל־ראָד,
איך שפּין אַ ליד ביי ווייטן טויער.
פרעמדע טירן ווערן נאָענט —
שפּין, פאַרוועב מיין רויטן טרויער.

* * *

ביין אַוועק אין ווייטן לאַנד.
יאָג און יאָג
דעם בינען־זשום,
צירקל, צירקל, רינג אַרום
אין צעבליטן
זומער־רום.

*

אויסגעוואַשן מיינע טריט
און אַוועק
אין ווייט געדראַנג.
פויגלען
פליען פון מיין לאַנד...
אוי,
ווי טרויעריק
און
באַנג!

קומט אַנטקעגן שטורם־ווינט,
לייב מיינס
שניידט
זיין הפקר־פייף.
וויג מיך,
ווינט,
ווי קאָרנזאַנג.
טראָג מיך,
ווינט,
ווי וואָלקנשטרייף!

פויגלען
פליען פון מיין לאַנד...
אוי,
ווי טרויעריק
און
באַנג!

בושלען

בושלען, מיינע בושלען,
בלויע אינדערמאָרגנס,
אין די טונקעלע פליגלען
האָט איר נאַכט פאַרבאָרגן.

בושלען, מיינע בושלען,
וויגנדיקע וואָלקן,
וואָס האָט אייער קומען
אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן ?

בושלען, מיינע בושלען,
פון דער וייט געפלויגן —
מ׳קלייבט שוין פון די פעלדער
און מען לייגט אין סטויגן.

בושלען, מיינע בושלען,
פון דער וייט געצויגן —
האַרבסט אויף ווייטע וואַסערן
טראָגט איר אין די אויגן...

1929

געוויטער

טאָג איז געקומען מיט שטרייט און מיט קריג,
געבראַכט צו מיין פענצטער אַ בייזן געוויטער:
איך קלייב גרינע ריטער צו פלעכטן אַ וויג,
פאַרוויגן דעם בייזן געוויטער.

הדסים און ווערבע און לולב געריסן
ביי רויקע וואַסערן און שטראָמיקע פליסן:
איך אייל מיר צו ריטלען און פלעכטן די ריטער —
אַ וויג צו פאַרוויגן געוויטער.

געפלאָכטן די וויגן, מיין שטורעם פאַרוויגן,
איז שטורעם אויף דרויסן געוואָרן אַנטשוויגן.
באַוואַכן מיין שוועל, געשטעלט האָב איך היטער,
צו וויגן, פאַרוויגן געוויטער.

הימאַלייען, 1927

* * *

רויג און וויג זיך, קינדער־וויג,
און פאַרוויג מיך מיט דיין ליד!
איך בין צו פרי פון דיר אַוועק
אין פרעמד, צו זוכן רו און פריד.

איך האָב געגישטערט און געזוכט,
האָב געוואַנדערט, נישט גערוט,
און פאַרהאַנדלט מיינע טעג
אויף וועגן שאַרלאַכע פון גלוט.

האָב געשיפט פון ברעג צו ברעג
און געשניטן פעלזנגרוי,
אַרומגעיאָגט דעם זומער־פאַרב
און געצוואָגן נעכט אין טוי.

איך האָב אויף ים געלאָזן טעג
און געמאָסטן שווינדלטרעפ,
כ׳האָב מיט שלייפלעך שאַרלאַכע
איינגעבונדן שוימענצעפ.

בוענאָס-איירעס

פֿאַראַנקערט מיינע טעג ביים ראַנד פֿון אַרגענטינעס שוועל,
אין שוועסטער-טייך, לאַ-פּלאַטאָס ברוינעם, זאַטן שטראָם.
דרום האָט צו מיר גערופֿן: נישט פֿאַרפֿעל,
בליט דער דאָרן אויף מיין ערד, און ס׳קוועלט דער ווייצן-זאָם!

אין שלאַנקע גאַסן ווירבלט רוישיקער געבוס,
פֿון געל-פֿאַרבענקטן סאַקסאַפֿאָן באַגלייט.
זאַט און הונגער כוואַליעט זיך אין איבערפֿלוס
און פֿרעמדקייט בליט צופֿוסנס עקאַליפּט פֿאַרזייט.

שפּאַלט גלעקער-קלאַנג געמיט אין פֿרומען-געבעט:
קניט סעניאָר מיט זינד פֿאַר הייליקער מאַריאַ,
אויף גאַסן האָט תּאווה הויך געשפּעט,
געטובלט פֿייער אין גלי פֿון סעניאָריטעס, קאַוואַליערן.

געטובלט פֿייער אין גלי פֿון סעניאָריטעס, קאַוואַליערן
שלאַנק געכאָוועט, רונד געגלידערט, בויגיק!
ווי עס וויכערט בתולה-פֿייער אין די פֿאַלדן —
סעניאָריטעס, לייכט געפֿליטערט, טונקל-אויגיק!

*

פירט מיך טראָט, ווו נויט בליט בלייך אין שויבן
און ווו עס ליגן וווּנדיק טעג פאַרשניטן —
טרויער האָט זיך נידעריק, ווי איך, צו דרערד געבויגן.
שוין האָבן שורותווייז געשלאָגן און געמיטן.

שלעכט האָב איך אויף דרום-ערד מיינע טעג באַוואַכט,
מיט פרעמדקייט זיי געלערנט ווי צו שטומען:
געגאַרט זיך חברן מיט ווינט און טוי און נאַכט —
זענען טעג אין טרויער-פליסן זיך צעשווומען.

בוענאָס-איירעס, 1925

מיטן געלן ים

פייפט, שיפן!
שניידט דעם נעפל מיט אַ ברומען...
שניידט, בליצן!
רייסט שטיקער הימל-קריעה.
שלאָגט, דונערן!
איבערן קאָפּ
און איבער פינצטערע תהומען.
שמייס, רעגנשטראָם!
מיר שטייען אַלע אָנגעגרייט אין רייען.

אָ...
העגט ביים רודער!
מיר זענען יונג אין טעג און יונג אין יאָרן.
אַהינטער גרינט אַ פרילינג אויף די פעלדער...
פייפט, שיפן!
שניידט דעם נעפל מיט אַ ברומען.
וויג זיך.

ים !

שלײדער בלינדע גבורה

איבער צוימען,

איבער ברעגן.

מיר גײען,

מיר קומען

דיר

אַנטקעגן.

* * *

מײן בענקשאַפט די װינטן געגעבן,
זײ זאָלן מײן בשורה פֿאַרטראָגן:
מײן װאָל אױסגעשפּונען פֿאַר שײנע געװעבן —
גענוג נאָכן װינט זיך צו יאָגן.

אױף מײן שפּינדל דעם פּורפּור געפֿאַנגען
און געװאַכט ביז די גרױע פֿאַרטאָגן.
געשפּונט האָב איך שטילע געזאַנגען —
גענוג נאָכן װינט זיך צו יאָגן.

איך בין, מאַמע, היים־פאַרבענקט

איך בין, מאַמע, היים־פאַרבענקט און וואַנדער־מיד.
כ'האָב איינגעזאַמלט אין בינט סוף־זומער היי,
רו באַגערט מיין טראָט אַצינד,
גענוג געצוואָגן זיך אין רעגנשפריי.

די טרעפּלעך, מאַמע, פון דיין שוועל
זינגען שטילע היים־געזאַנגען.
געטראָגן האָב איך פרייד דער וועלט
און בין צו וויט פאַרגאַנגען.

איך האָב געצונדן קנויט נאָך קנויט,
האַרבע פינצטערניש דערפרייען;
קליינוואַרג וואַלגערן זיך ווי שטיין ביים וועג —
האָב לינדערן נישט געקענט דעם וויט די וייען.

שרײבסט: טויבנשלאַק האָט מען אויף בלוי געפאָרבן,
מײַן פֿעדערן זיך און וואַרטן אָפּ דײַן קומען — — —
יאָ, מאַמע, קריכט הונגער איבערן ציפּערבלאַט,
איך וואַרף אים מײַנע שעהן — ער ווערט נישט זאַט.

איך האָב דערגרייכט צום ווייטן־נאָנטן באַרג,
וווּ לעבן ליגט נידעריק פֿאַרשמיסן.
צו מיר האָט טרויער אַראָפּגעגנידערט שטום און שטאַר
און האָט מיר קריעה אײַנגעריסן.

איך בין, מאַמע, היים־פֿאַרבענקט און וואַנדער־מיד...
איך ווייס, עס וואַרט אויף מיר דער גראָזן־רויש.
איך וועל קומען, קומען, מאַמע־פֿרייד —
ברענגען וועט דײַן וואָגל־קינד אַ פֿולן בשמים־קויש.

אינדיע, 1927

* * *

איך שרייב צו דיר און צייל די יאָרן:
איינס און צוויי און דריי און פיר — —
נאָך יאָרן וואַנדערן פון טיר צו טיר
וואָלט גוט געווען אַזוי,
ווען כ׳זאָל מיין קאָפּ שוין קענען געבן רו
און מיין געמיט — אַ ווינקל ערגעץ־וווּ,
צו קענען רויק און באַזאַכט אַראָפּנעמען דעם יאָך
פון זיין כסדר אויף דער פרעמד.

איך טראַכט: איך זינדיק שווער מיט מיינע רייד,
כ׳האָב אומעטום דאָך אָנגעלענט מיין קאָפּ
און האָב געזאָגט — ס׳איז היים.
און כ׳היט ביז היינט דעם טעם פון יעדן שטויב.
איך טראַכט: איך זינדיק שווער מיט מיינע רייד.

ווי וואָלט מיין האַרץ געפרייט,
נאָך יאָרן וואַנדערונג פון טיר צו טיר,
כ׳זאָל קענען קומען פאַר דיין שוועל
אַ שוין באַרויקטע קעגן וועלט און קעגן דיר!
איך דין,
איך בין אַ טרייער זעלנער ביי דער וועלט
און כ׳טראָג סימנים איינגעקאַרבט אין מיין געמיט
פון קאַמף און פון פאַרלוסט.
איך טראַכט: צי וואָלסטו מיך אַזוינער נאָך דערקענט?
מיינע האָר זענען נאָך שוואַרץ.
און אויגן — טונקעלע ווי געווען.
נאָר ווען־נישט־ווען
פאַרגנבעט זיך אַ לייכטער שוידער,
ווי פון אַ חלפדיקן שניט אויף מיינע הענט:
דאָס איז אַן אָפּקלאַנג בלויז פון צוזען
אַזויפיל עלנט ביי דער וועלט.

סעוואַסטאָפּל, 1928

* * *

לייענסט מיינע בריוו און טראַכסט אַוודאי,
אַז די וועלט האָט מיך נישט אויסגעלערנט צו זיין קלוג
און אַז איך געוווּין מיר צו אַיעדע ליאַדע.
אַוודאי, מאַמע,
עס ציט מיין בענקשאַפט נאָך צו יענע טונקעלע זומפּן,
וואָס ביים ווערבעדיקן ברעג פון טייך,
און כ'ליב נאָך אַלץ צו גיין אַקעגן יעדער היימקערנדיקער סטאַדע.
קלוגשאַפט, זאָגט מען, איז אין ווערט פון גאָלד געוועגן ביי דער וועלט
און פאַר קלינגענדיקע פּאָר מטבעות געלט
איז דאָ פון אַלדאָס גוטס צום איינוויגן די מאַטקייט פון אַ מידער האַרץ.
איז דיין טאָכטער אַזאַ מין פויגל,
וואָס האָט שוין אויסגעפּרוווט די פליגל קעגן יעדן ווינט.
און האָט דעם חשבון פון די טעג שוין איינגעקאַרבט אין וואַנדער.
אַזאַ מין פּרי איז שוין דיין טאָכטער,
וואָס האָט געהייסן עטל ביי דער היים
און וואָס איצטער הייסט זי אסתּר ביי דער וועלט.
איז זי נאָך אַלץ אַזאַ מיןווילדע יאַגדע,
וואָס וואַקסט ביים אומבאַמערקטן פּלויט, אויף יענער זייט פון עפּל-סאָד
און אַלץ וואָס טרעפט מיט איר
איז איר קיין נפקא-מינה.
צי ס'אום, צי גראָד.

אין אָפּגלאַנץ פון יחוסדיקן בלוט

ביסט אַרויסגעקומען, באָבע, אין דיין סאַמעטענעם בגד,
באַגעגענען אַן אָפּקלאַנג פון דיין בלוט,
און ס׳האָט דער שוואַרץ פון סאַמעט זיך געגרונצלט
אין לעצטן אָפּגלאַנץ נאָך פון יחוסדיקן בלוט.

איך האָב אַזויפיל שיפן, באָבעשי, אויף וואַסערן געמיטן
און ס׳האָט אַיעדע שיף געלאָזט אַ קרובהשאַפט אין בלוט.
ווער האָט געקענט דעם אָפּגלאַנץ פון אַ וויטן שמייכל צו פאַרהיטן,
ווען ווייטע וואַנדלונגען האָבן דורכגעקרייצט מיין בלוט?

נישט קוק אויף מיר אַזוי פאַרדראָסיק ווי אַ פרעמדע —
ס׳איז דיין אייניקל דאָך אַלעמענס אַ קינד.
כ׳האָב ליב ביז ווי דעם שטויב פון אַלע לענדער
און טראָג אַ קאָרב פאַר אַיעדע אומעטיק געזינד.

וואָס זיצסטו, באָבעשי, אַזוי פאַרטרויערט?
אויף וואָס־זשע טוט דיר, באָבע, אַזוי באַנג?
אַוודאי האָבן צוואָנציק ווינטערן געדויערט
ביז ס׳האָט דערקייקלט צו דיין שוועל דיין אייניקלס געזאַנג.

האָמעל, 1928

ציגײַנער

נ ע מ י ן

ציגײַנער זענען הײַנט געקומען אין מײַן דאָרף אַגאַי,
ציגײַנער ברוינינקע, מיט בוידן און מיט דראָבנע פערדלעך,
מיט קינדערלעך פאַרמורזעטע, מיט צעפּלעך און מיט רינגען,
מיט קלײדלעך פאַרביקע, מיט בלאַנקנדיקע צײן און אויגן —
געקומען זענען זײ װי האַרבסט־פויגל אין מײַן דאָרף צו זינגען:
— גיב, שוואַרצאויגיקע, גיב, קראַסאַוויצע, גיב דײַן האַנט, די שנײיִקע,
ווי אַ בין אויף שויבן זשומט אַרויס דײַן מזל פון די אויגן...

האָב איך מײַן האַנט געגעבן צו לײענען מײַן מזל
אַ פלינקער טאָכטער פונעם ווינט,
האָט זי ברייט צעשמייכלט זיך און ברייט געלאַכט:
— אַך, דו, פויגעלע, דו, טײַבעלע, דו, פלינקע שוואַלב!
האָסט אַ פליענדע נשמה און אַ ווײַטע האַרץ,
וואָס ברענט און צינדט.
און האָסט דעם טויט נישט אײנמאָל שוין געקוקט אין אויגן.
זאָגסט: דו ביסט געבוירן דאָ, אין דאָרף אַגאַי —
איך וועל שוין בעסער גלויבן דײַנע אויגן,
דײַן האַנט איז מיר אַ ווײַטע און גאָר נײַ;

זי קומט פון ווײַטע וואַסערן און טיפֿע אָקעאַנען,
און ביסט פון ווײַט אַהער געפֿלויגן.
און דאָ, זע איך, אַ בענקשאַפֿט זיצן אין דײַן האַרצן,
אַ בענקשאַפֿט, טײַבעלע, אַ בענקשאַפֿט צו אַ בלאָנדזן,
אַ אָדלערל, אַ אומרויקער גײַסט, אַ נע־ונדניק,
און געבוירן ביסטו נע־ונד פון זײַנעטוועגן.
די יאָרן דײַנע לאָזן אויס זיך ערגעץ אויף אַ מיטן פון די וועגן,
אויף וואַסערן ערגעץ, צי אויפֿן האַרץ פון מדבר...

אַ דאַנק, ציגײַנערלעך, אַ דאַנק אײַך פֿאַר מײַן גורל טרעפֿן,
כאָטש מײַן גורל איז מיר גאָרנישט נײַ.
אָ, איר ברוינינקע, איר, קינדער פון דעם ווינט,
איר, פֿויגל האַרבסטיקע, אין אומרו און אין בלאָנדזשען!
ווי איר, וועל איך דאָ מיטן ווינט פֿאַרבײַ.
אַ דאַנק, וואָס איר זײַט הײַנט צו מיר געקומען אין אַגאַי.

קרים, 1928

* * *

איך בלאָנדזשע מיט שאָף און מיט רינד.
אין וועג מיין טראָט אויסגעאיבט.
איך שטיי אויפן שייד־וועג אַצינד
מיט טעג אויסגעזיפּט.

פריידיקער שוועל פון דער וועלט,
דערנעצן מיינע וואַנדערער־טריט!
עס האָבן מיינע טעג דיך פאַרפעלט,
פון וויכער זיך נישט אויסגעהיט.

צעגייט אייך, פאַרשאָטנטע שטעגן,
אין שטיין און גראַניט!
קום, פריידיקער שוועל, מיר אַנטקעגן,
דערנעצן מיינע טריט און באַהיט.

רויטע פּאַזאַנעץ

קומען געלאָדענע שיפן אַנטקעגן פון וואַנדער־געפירט
מיט ברומען דורך גרויע טומאַנען.
פלאַטערט מיין טיכל ביי ווייטע און נאָנטע ימען —
מחשבות ווי רויטע פּאַזאַנען.

האָב איך געלאָדענע קוישן מיט גרוסן געטראָגן פון היימישע ברעגן,
די וויטן דעם אומעט צו לינדערן:
ווען טראָט האָט דערוואַנדערט געגאַרטע, געחלומטע שוועלן,
געקומען מיר פויגל אַנטקעגן צו פלינדערן.

בין איך געקומען צום שוועל פון וויטן און גליטיקן לאַנד
און געפונען די שפע פּאַרשפעטיקט:
געזעסן מיט שאָף און מיט רינד אין טרוקענעם פעלד,
מיט טרויער דעם הונגער געזעטיקט.

אָ, וואָגלער, געזאָטלט אין רויטע געשפּאַנען,
אין וואָגל דורך גרויע טומאַנען!
אַ קיילעכדיק יאָר ביי מיר טאָגן און לויערן
מחשבות ווי רויטע פּאַזאַנען.

פּאָרט־אַרטור, 1926

* * *

פֿון שוועל צו שוועל געגאַנגען
און געפֿונען אַלע טירן אויפֿן ריגל:
ווערטער מיינע, אויסגעהיטע פֿון געווימל
און פֿאַרהוילטע אונטער זיגל — —

לידער מיינע, אויסגעבאָדענע און קלאָרע,
וואַכט אויף פֿון אייער ווינאָרט,
פֿאַרשפּרייט אייך אין געפּייניקטן געזעמל
און זאָל ריזלען אייער היילוואָרט.

* * *

טראָט מיינער, נישט געשטרויכלטער;
טראָט איינציקער, איבערגעגעבענער!
געפירט האָסטו מיך איבער וועגן געהויקערטע
און דורך צלמים, געקרייציקטע,
גיי דיין גאַנג נישט געלעסטערטן
צו דעם לאַנד אויסגעחלומטן...

לויערן ווינטן, מחנות אויסגעהונגערטע;
שוימט גריווע פאַרעקשנט און צאָרנדיק.
טובל זיך, טראָט מיינער, דורכגעווינטיקטער,
אויף שליאַך אָנגעגליט און דאָרנדיק,
גיי דיין גאַנג נישט געלעסטערטן
צו דעם לאַנד אויסגעחלומטן...

* * *

ווי עס נעמט די זון צו זייען

אויף די אָוונטיקע ווענט,

ווערן אומרויִק אין צווייען

מיינע הענט.

הייבן אָן די שאָטנס גייען

איבער טרעפּ פון ווייטסטן ברעג.

שליס איך זיך אין טרייסטע רייען

אין מיין וואַנדערדיקן וועג.

זאַמל איך די מדבר־שנייען

פון דעם ווייטסטן האָריזאָנט.

ווערן מיר ליכט די מאַטע ווייען,

וואָס מיין וואַנדערן דערמאָנט.

הימאַלייען, 1927

מזרח=געזאַנגען

מדבר

I

מדבר־ווינט און מדברס ברענענדיקע בענקשאַפט אויף מיינע ברעמען —
שנירל, קאַראַוואַן, דורך מדברס געלע זאַמדן!
וויג מיך איין אין תפילה־אָוונטיקער, אויף קעמלס גאָרנדיקן הויקער:
פולע קוישן פירן מיר מיט בשמים און מיט ווירצן —
פון דאַנען ביז באַגדאַד איז העט, נאָך ווייט.

11

פילאָטעמדיק פאַלט צו די נאַכט אויף מיינע פינגער
און וויגט אין שאָטן איין מיין קאַראַוואַן.
מיר זענען טרייע אויגן פונעם מדבר,
וואָס שפּיגלען זיך אין קלאָרע קוואַלן
און נישט קיין איינציק טריפנדיקער טראָפּן וועט אונז געשאָנקען ווערן
צו קילן דורשט פון מדבר־נויט, אויב אונזער שעה וועט שפּעטיקן
אין דרימל.

וויג זיך, הויקער, וויג דיין שכנס שאָטן אויף די זאַמדן:
פולע קוישן פירן מיר מיט באָקסער און מיט טייטלען —
פון דאַנען ביז באַגדאַד איז העט, נאָך ווייט.

III

אײ־ליו, עס דרימלען שוין די ברעמען.
אײ־ליו, װיג זיך, שאָטן, אויף צװײ־גאָרנדיקע קעמל־הויקערס!
שטילער, מדבר־גלעקלעך, אויף קעמלס העלדזער —
נישט װעקט מיט פרײלעכקייט די טריקעניש צופוסנס.
עס ציט אַ טאָכטער אסתּר, פון אַ װײטן שבט,
מיט אוצרות אָנגעלאָדן זענען אַלע הויקערס.
אויף אירע שולטערן פאַלן האָר געפלאָכטענע — שוואַרצער סאַמעט;
און אויגן זענען טונקעלער פון מדבר.
און עס קומען איר אַנטקעגן שװעסטער פון דער װיסטע,
פאַלן אויפן האַלדז מיט אַ פאַרבענקטן פליסטער:
חנה, רבקה, רחל שיקן דיר מתּנות —
חנה שיקט איר שטילן שמייכל אויף די ליפּן
און רבקה האָט איר ליימען־קרוג געשיקט, פון אים צו זעטיקן דײַן דורשט.
רחל שיקט דיר אַ גרוס פון אַ פאַרקנסטן האַרצן
און זאָגט, אַז װאַרטן איז געװען כּדאַי...
אײ־ליו, עס דרימלען שוין די ברעמען.
אײ־ליו, עס װיגן זיך די קעמלען.
עס ציט אַ טאָכטער אסתּר דרײַ טײַערסטע מתּנות,
אַלס זכר פונעם מדבר צו פאַרנעמען.

IV

א—ל—ל—אַ!
פירער אונזערער און נביא אויסדערוויילטער;
דו,, איינציקער געהייליקטער, געזאַלבטער,
העלף אונז, אַ—ל—ל—אַ!
גיב אונז כוח דיין קלוגשאַפט אויפצונעמען.
פאַרבאַהאַלט נישט אויס דיין קלאָר אויג פון דיינע זאַמדן.
מיר טריקענען שוין פערציק טעג...
די קעמלען אונזערע האָבן שוין די לאָגלען אויסגעליידיקט.
און האָבן שטאַרע אויגן פאַר דורשט
און פאַלן צו ווי קראַנקע לעמער צו דיין זאַמד.
אַ טראָפּן קילן טוי צו לינדערן דעם שטומען לעכצן,
גיב אונז, דו, איינציקער, געהייליקטער, געזאַלבטער —
אַ—ל—ל—אַ, פירער אונזערער און נביא אויסדערוויילטער!

V

מיר פאַלן מיטן פּנים צו דיין זאַמד
און בויגן זיך פאַר דיין אומענדלעכקייט, דו, הערשער פונעם מדבר;
ווענד אָפּ דיין גרימצאָרן פון אונזער אויג —
מיר טריקענען דורך דיינע טעג שוין זיבן מאָל זיבן אין צאָל.
די שטומע מדבר־צונג האָט אויסגעצויגן היינט פאַרטאָג די פיס
און דיינע טרייע דינער דריי זענען אין תפילה געבליבן ליגן פאַר דיין דורשט.

אַלע אויגן פון דעם מדבר קוקן שטאַר
און עס ליגן דיינע לעמער אויסגעלייגט ביים ראַנד פון אויסגע־ברענטן קוואַל,
מיט אויגן קראַנק פאַר צער...

VI

א—ל—ל—אַ, איך רוף צו דיר!
דיין טרייער קנעכט איז צו דיר מתפּלל אַיעדן אינדערפרי און יעדן אויפדערנאַכט
און בייגט זיין פּערציק־ערשטן יאָר פאַר דיינע פיס־קנעכל ביז גאָר
און בעט דיין וויזהייט געטלעכע אַ ראָט:
מיין ווייב איז שוין אויף יענער זייט די דרייסיק יאָר
און אומהיימלעך איז מיר מיט איר אין דיינע נעכט.
זי איז שוין אַלט און שמעקט מיט אָפּגעלעבטע טעג
און איז נישט יענער פרישער קוואַל,
וואָס דו האָסט אָנגעזאָגט די קנעכט דיינע פון אים צו טרינקען.
דערבאַרעם זיך אויף דיינס אַן אומגליקלעכן קנעכט,
צו קויפן מיר אַ יונג ווייב —
ס׳זאָל היימלעך זיין מיט איר אין דיינע נעכט.
אַ—ל—ל—אַ, איך רוף צו דיר!

איך טרינק מיר יעדן טאָג צו זאַט
פון דיינע פליסנדיקע שטראָמען,
און ס׳בליט מיט פאַרכט איעדער בלאַט
פון דיינע תּהומען...

גאַנגעס

1

טויט איז אין דיין שויס געהייליקט און געבענטשט,
דו, הייליקסטע פון אַלע מאַמעס!
דיינע וואַסער־טראָפּן ציילן תפילות צו דער זון,
וואָס וועקט דיין פּנים דריי הונדערט און פינף און זעכציק מאָרגנס דורכן יאָר
ווי לעמער ליגט אַ פאָלק צו דיינע פיס
אין זוכעניש נאָך גאָט.
באַשערט איז דיינע וואַסערן, אַז דאָס פּנים פון גאַנצן אינד
זאָל גאַרן זיך צו שפּיגלען אין דיין וואַסער־גלאַט.
אַזוי פיל נשמה־מידע,
פון שמייכלענדיקן לעבן אָפּגעווענדט,
ברענגען טובלען זייער צער.
קומען יעניקע געצייכנטע מיט זינד
צו מודה און מתוודה זיין זיך פאַר דיין ברייט.
און לעבנס־קראַנקע קומען נאָך אַ האָפענונג, אַ שטראַל,
לייגן זיך אויס און שרייען אויפן הויכן קול נאָך הילף — —
ביסטו אַ טרייע מאַמע,
געראָנצלט איז דיין שטערן־גלאַט פון צוהערן דעם פּיין...

11

מיט ערשטן זונענשטראַל רייסט אָפּ זיך דער געזאַנג
פון די פאַרלוירענע אלמנות,
אויסגעטיילט פון מחנה.
אויף די געגאָלטע קעפּ — דער סימבאָל פונעם אומגליק.
און שוואַרצע פלעקן פאַלן מיט אַ פליסטער צו.
בעמען דיינע ליפּן, מאַמע גאַנגעס, ציטערן,
ווי אַ געוויין וואָלט זיך געריסן פון דיין האַלדז.
און די געהאָרכזאַמע מאָנאַכן דיינע פאַרטאַצן און פאַרטויבן דיין געוויין ;
מיט טענץ און צימבלען קומען זיי דעם ערשטן שטראַל אַנטקעגן
און פּייקלען אויס די פרייד מיט הילכיקע געשרייען :
אָ, גאַנגאַ, גאַנגאַ, הייליקסטע פון מוטערס,
דערלויב צו ווערן געהייליקט אין דיין טיף !
און פאַלן ווי פויגל קראַנקע
מיט עקסטאַז פון הללויהס אויף די ליפּן,
באַגעגענען די פרייד פון טויט.

III

און די כהנים, מיט בראַמינער־צייכן אויף די שטערנס,
מעדיטירן מיט בודיסטישער רו אויף ליפּן;
שעפּן אָן אַ הויפן פון גאַנגאַס הייליקער געשטאַלט
און זאָגן טראָפּנווייז די תּפילות
פון גאָט־דערקענטעניש
און מענטש־דערלייזונג
און צו דעם קוואַל פון אַלע ליידן...
אַ וויאַ דאָלאָראָזאַ איז דאָ אַיעדער טראָט
און מען איז קראַנק אין זוכעניש נאָך גאָט.

זיצן זיי, ווי קראָען אויסגעטריקנטע, ווי ווינטער־צווייגלעך,
די עקרות,
די פֿאַרשאָלטענע פֿון לעבן,
און ברומען זייער טענה מיט אַ שוואַרצן צאָרן אויף די ליפּן:
— אין אַ גראָז וואָלסטו אונז, מוטער הייליקע, פֿאַרוואַנדלט,
מיר וואָלטן דאַן פֿאַר צער אויף אונזער דאָרן־בעט די הענט נישט בייסן
און אַ טראָפּן טוי וואָלט אונזער גרין דערפֿרייט.
קאַלי האָט אונז צוגעזאָגט געבורט,
טאָ וואָס שווייגט זי
און לאָזט אונז טרינקען אונזער פּיין?
אַן עופּהלע אַ קליינס איז דער באַגער פֿון אונזער האַרצן!
מיר טראָגן שוין אויף זיך דעם צייכן פֿון געפֿאַלענע
און שעמען זיך צו אויפֿהייבן דעם בליק...
— — — — — — — — — — — — —

אַ וויאַ דאָלאָראָזאַ איז דאָ איעדער טראָט
און מען איז קראַנק אין זוכעניש נאָך גאָט.

* * *

איך בין ווייס און נאַקעטער פון הוילע שטאַמען,
איך וווין דאָ צווישן ברוינע קינדער
און פריי זיך דאָ און טרויער.
איך טרעט דאָ שטיל און טרעט דאָ רויקער ווי שטענדיק,
איך וווין דאָ צווישן אינדיעס טונקעלע קינדער פונעם טרויער.

די וועלט איז קיילעכדיק, די וועלט גייט מיט איר גרויען שטייגער
און אומעטום איז דאָ אַ וועג, וואָס פירט צו נידעריקע גאַסן,
ווו קינדערלעך מיט פופקעס גייען נאַקעט
און מאַמעס זענען אויסגעצויגענע ווי הונגעריקע מאָרגנס,
און טאַטעס ליגן ווי הינט פאַרעלטערטע פון זוכן צו פאַרדינען.

די וועלט איז קיילעכדיק, די וועלט גייט מיט איר גרויען שטייגער
און אומעטיק ווערט מיטאַמאָל און ס׳ווילט זיך וויינען;
נישט אָנרופן ביים נאָמען און נישט דערמאָנען קיינעם.
די וועלט איז קיילעכדיק, די וועלט גייט מיט איר גרויען שטייגער.

איך גיי מיר יעדן טאָג צום ווייטן מויער
און קוק ווי די אין נידעריקע גאַסן האָפּקען זיך און פרייען.
עס ציט מיין טראָט צו יעדן נידעריקן טויער
און ס'איז מיר גוט, אי וויל צו זיין אינאיינעם מיט דעם טרויער.

מיין ווייסע הויט דערמאָנט שטענדיק, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדע
און אויגן הייסע קוקן מיר אין פּנים ווי אַ שונא.
מיין בלוט, ווי שטענדיק, וויל די בייזע רעטעניש אַ נאָענטן פאַרטרויען.
איך בין נישט ווייס, איך בין נישט ברוין, איך בין נישט קיינע,
איך בין ווי אַלע מענטשן־קינדער, טרוימער אַזוינע...

אינדיע, קאַלקוטאַ, 1927

* * *

אַסאַרוואַדאַם!
האָט ער זיך פאַר מיין טראָט געבויגן
אונטער צעבליטן מאַנגאָ-בוים.
אַסאַרוואַדאַם!
האָט ער דערקענט מיך נאָך די אויגן
און צוגעפאַלן צו די שפּיצן פון מיין זוים.

אַסאַרוואַדאַם!
האָב איך געענטפערט מיט אַ ציטער פון באַדויער
און אָפּגעווענדט פון אים מיין טראָט.
אַסאַרוואַדאַם!
איך וועל שוין אין דעם קעניגרייך פון דיינע מויערן
נישט בייגן זיך פאַר דיין געזאַלבטן גאָט.

* * *

דו האָסט געהייסן גיין די שומרים,
כדי די טויערן פֿאַר מיר צו לאָזן אָפֿן.
איך האָב דעם טונקל פֿון דיין מאַנסבילש באָרד דערזען
און בין געלאָפֿן, בין געלאָפֿן.

איך בין געפֿלויגן, איך בין געלאָפֿן,
איבער לאַנען, איבער טיפֿע גריבער.
דיינע טרייע שומרים האָבן מיין וועג מיר נישט פֿאַרלאָפֿן —
כ׳בין דעם טיפֿסטן גראָבן שוין אַריבער!

צווישן ניין־און־נייַנציק האָסט מיך אויסגעקליבן.
צווישן ניין־און־נייַנציק הייסע אויגן־פּאָרן.
אוי, ס׳איז טרויעריק, ס׳איז טרויעריק צו זאָגן,
צווישן ניין־און־נייַנציק האָסטו מיך פֿאַרלוירן...

קומען מיר צו חלום אַכט־און־נײַנציק װײַבער.
קומען צו מײַן בעט מיט אַכט־און־נײַנציק טענות:
— אונזער מאַן דער בראַװער האָט אונזער לײַב פֿאַרביטן.
אונזער מאַן דער בראַװער האָט זײַן לעבן ערגעץ־װוּ פֿאַרשניטן.
אױף אַפֿגאַנער פֿעלדער, אין די טיפֿע מורן,
אין געדיכטע װעלדער צװישן חיות־רעות,
איז זײַן מאַנסביליש כּוח ערגעץ־װוּ פֿאַרבליבן,
אום דײַן לײַב צו זוכן,
אום דײַן לײַב צו ליבן.

קומען מיר צו חלום אַכט־און־נײַנציק װײַבער,
קומען צו מײַן בעט מיט אַכט־און־נײַנציק טענות...

הימאַלייען

איך האָב די שנייען אייערע קיין איינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט
און האָב אויף זיי געקילט מיין הייסע פרייד אין בלוט.
מיין וואַנדער האָט זיך אויף דעם העכסטן באַרג באַרוט
און איך בין שוין אין אייער קעניגרייך געזעטיקט.

עווערעסט

1

דאָס שענסטע ליד האָסטו מיר אָנפאַרטרויעט,
דאָס שענסטע ליד אין אייביקייט פון דיינע שנייען.
איך האָב די נעכט מיינע פאַר דיר געטיילט אויף צווייען
און האָב קיין איינמאָל נישט באַדויערט.

איך האָב מיין האַרץ געלערנט קלעטערן
אויף לבנהדיקן שניי פון דיינע טרעפן.
איך האָב מיין טראָט געוווינט צו דיינע שניי־פאַרגלייזטע סטעפן
און האָב דיין אייביקייט אין בלוט פאַרגעטערט...

II

דיין ווייסקייט אין לבנה־נעכט
האָט מ׳ך שוין צוגעוווינט צו דיינע שנייען.
פאַרגעס איך אויף אַן אויגנבליק פון יענע ווייטע ווייען
און דעם פאַרדרוס פון דיינע צוגעוווינטע קנעכט.

איז מיר אַלץ איינס אויף וואָסער הויך איך קלעטער.
איז מיר אַלץ איינס פון וואַן עס ציט דער וועג:
סיי־ווי פירט יעדער טראָט מיינער צום ווייטסטן ברעג
און אַלץ איז דאָ אַליין פון זיך פאַרגעטערט...

* * *

אין לבנה־נעכט ווערן דורכזיכטיק די שנייען
און ס׳דוכט זיך אויס, אַז וואַסערן ווערן מיטאַמאָל געבוירן,
טרעט איך געשווינד און מיין, אַז איך בין שוין פאַרלוירן
און נאָענט ווערן מיר מיטאַמאָל די פעלדער פון פאַרזייען.

ווערט אומהיימלעך אַזוי אין העכסטן קעניגרייך פון שנייען
און ס׳טרייבט מיט האַסט מיין האַרץ און ווערט אַלץ מיד און מידער.
און צו דעם מינדסטן אָנזאָג פון אַ שפּראָצונג כ׳פאַל אַנידער
און נאָענט ווערן מיר מיטאַמאָל די פעלדער פון פאַרזייען.

* * *

איז אָפּט באַגעגענען מיך דאָ מיט ליד און פּייקל
און מיט אַ ווייטן אוראַלט אינעם בליק.
אויפגעטורעמטע אין פעלזיקע געשטאַלטן
פון אַ ווייטן, אויסגעטראַכטן גליק.

— איז אַ יום־טוב־טאָג היינט ? איז אַ יום־טוב־טאָג היינט ? —
פרעגט מיין האַרץ מיט וווּנדער,
פרעגט מיין האַרץ אַיעדער יום־טובדיקער גרודע.
— הימאַלייער קענען טאַנצן, הימאַלייער זענען הייס און גלאַנציק ! —
ענטפערט אָפּ מיר זייער ווינטיקע און אומעטיקע דודע.

יאַפּאַן

פריער פרילינג:
פלוימען בליען
מיט באַגינען־פרייד.
קאַרשן בליען,
ווייס און ראָז און קאַרמין־רויט,
מיט דינער, דורכזיכטיקער הויט —
יונגע פרייד,
פרילינג־פרייד.

*

יונגער זומער:
וויסטעריע־הענגלען
הענגען קאָפּ־אַראָפּ,
ווי ווייַנענדיקע ווערבע־ריטלעך,
ווייס און פיאָלעט און ליכטיק־בלוי —
זאַטע פרייד,
זומער־פרייד,

*

מיטן זומער:
איריס בליט
ליליעדיק און גרינג,
קאָפּ פּאַרריסן — סאַמעט־באַקן,
הייסע פרייד,
שטילע פרייד.

*

רייפער זומער:
לאָטאָס בליט
ווייס און ראָז.
בלומט אין שטייִק וואַסער
אונטער תמוז־זון.
וועקט חלומות פון נירוואַנאַ —
רייפע פרייד,
ווייטע פרייד.

*

רויטער האַרבסט:
כריזאַנטעמען בליען
ווייס און רויט און געל און פורפור.
שמעקט דער האַרבסט מיט כריזאַנטעמען־קעפּ.
רויטער טרויער,
רויטער האַרבסט.

טאָקיאָ, 1926

* * *

גיי איך מיר מיט גיישעס פלאַטערדיקע טאַנצן
אונטער די קאַרשנבוימער פון צעבליטן מאַי.
איך בין שוין דאָ אַ היימישע אינגאַנצן
און כ׳בין ביז מיינע שפּיצן האָר זיי טריי.

טו איך אָן מיין שענסטע קווייטלדיקע אָבי
און טורעם־אויף די שוואַרצקייט פון מיינע האָר;
רויט שניידט־אויף די לופּט מיין רויטער פּעכער:
איך בין שוין דאָ אַן אייגענע ביז גאָר...

* * *

גיי איך מיר מיט גיישעס צו די וואַסערן,
צו יאָגן די לבנה אויפֿן טייך.
איך טו זיי נאָך און בוק זיך צו די וואַסערן
און ס׳קושט לבנה אונז אין פּנים בלייך.

פֿאַלט אויף וואַסערן דער האָניק פֿון די בליטן,
פֿון אַ קאַרשן-זיסן און צעבליטן, ווייסן מאַי:
לבנה, וואַסערן און מיר — אינמיטן —
איעדער חלומט זיך אַ בראַווער סאַמוראַי.

קיאָטאָ, 1926

ישישים

די אַבויגן זענען אייערע רוקנס אויסגעבויגן.
אָ, וויפל זונען האָבן די קרוינען אייערע געזוניקט!
וויפל רעגנס האָבן די בלעטער אייערע געוואַשן!
אייערע שטאַמען רעדן צו מיר מיט דורותדיקער עלטער.
סע שפּאַרן אייערע וואָרצלען מיט אַ יוגנטלעכן כּוח,
אוראַלט־כּוח, ישישים מיינע!
וויפל טריט האָבן אין אייער שאָטן
מיט התלהבות אויסגעטאַנצט די פרייד פון לעבן,
ישישים מיינע!

און מענער, שוין אין ווייטע יאָרן, מיט גרויע בערד,
מיט רוקנס גלייך צו אייערע געבויגן,
קומען פון מרחקים:
טייטלען ביינערדיקע זקנים־פינגער
אויף אייערע נאַקעטע, אויף דרויסן אויסגעדרייטע וואָרצלען,
וואָס צייט און ווינט און רעגן
האָבן די ערד פון זיי אַראָפּגעוואַשן.

אייערע פּרילינג־יונגע בלעטער
האָבן בלוט מיט חשק צו לעבן נייעם אָנגעצונדן,
און כּוחדיקער בלוט־שטראָם רויטלט זקנימס ליפּן:
האָפענונג אויף יאָרן נאָך לענגערע און זאַטערע
זאָגן צו ישישים־בוימער פאַר די זקנים.

אוראַלט־כּוח, ישישים־ביימער,
וויפל טריט האָבן אין אייער שאָטן
מיט התלהבות אויסגעטאַנצט די פרייד פון לעבן!

יצפּאַן, נאַרא, 1926

* * *

הירשן קומען צו מיין פענצטער,
קומען און מען וואַרט.
ס׳ווייסט אַיעדערער פון קלענסטן,
אַז מיינע פינגער זענען צאַרט.

לייגן זיי זיך מיר צופוסנס
ווי די פיענעס אין אַ וואַלד.
און אַיעדערער וויל וויסן,
וואָס איך היט און האַלט.

הירשן קומען צו מיין פענצטער,
קומען און מען וואַרט.
גלעט איך זיי די פייכטע שטערנס,
ווי מען גלעט אַ בלאַט.

סאַיאָנאַראַ

סאַיאָנאַראַ!
זענען מיר די וועלדער נאָכגעלאָפן
און דעם וועג פון מיין צעשיידונג מיר פאַרלאָפן.
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ!
האָבן זיך די וואָלקן אָנגעברוגזט
און געצויגן נידעריק איבער דעם זומער פון מיינע סטויגעס.
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ,
וויסטעריע־הענגלען!
איך לאָז אין אייער שאָטן מיינע טעג,
געוואַשענע אין אייער אָוונטיקער קילקייט.
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ,
סאַרנעס פלינקע!
איך האָב מיט אייך אינאיינעם נאָכגעיאָגט די פרייד אויף פעלדער.
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ,
מיינע זומפּן!
איך האָב אין פּייכטע, טונקעלע פאַרנאַכטן
איינגעזאַמעלט די בענקשאַפט פון אייערע איינזאַמע גרונטן.
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ,
שוואַלבן!
פאַרטראָגט אין ווייטקייט מיינע אָוונט־שעהן,
וואָס איך האָב אין אייערע פליגלען אָנגעהאָנגען...
סאַיאָנאַראַ!

סאַיאָנאַראַ!
זענען מיר די וועלדער נאָכגעלאָפן
און דעם וועג פון מיין צעשיידונג מיר פאַרלאָפן.
סאַיאָנאַראַ!

יפתחס טאָכטער

איך פיר מיינע טעג אין די בערג פון יהודה,
ווי דו אַמאָל,
מיט דיין ליבשאַפט און טרויער.
געקומען בין איך זוכן דיינע טריט
און נישט דערגאַנגען בין איך
צו דיין בלאַסן טרויער.

דו ביסט מיט צימבלען פריידיקע דעם זיג אַנטקעגן געגאַנגען
און דיין פאַרמשפּטונג
מיט טאַנץ באַגעגנט.
דיין טאַטנס בראָך האָט זיך אין וויי-געשריי פאַרגאַנגען,
ווען קולות האָבן יום-טובדיק
זיין טראָט באַגעגנט.

מיט פולע קריג האָסטו געצויגן אין די בערג:
מיט פרייד,
מיט זיפצן
און מיט טרערן.
געגאַנגען ביסטו ווי אַ קרבן פאַר די טעג,
די בענקשאַפט פונעם מדבר
צו פאַרמערן.

אין יהודהס הויכקייטן ציִ איך דורך פאַרטאָגן
און זאַמל איין די בענקשאַפטן פון יאָרן.
ווי אַ רוט נייג איך מיין בלויען קאָפּ צום ווייטסטן דאָרן,
די ליבשאַפטן באַקלאָגן.
און פּאַר פולע לבנות גיס איך אויס מיין האַרץ אין צאָרן
און פאָדער אויף די פרייד
פון טעג און יאָרן.

. . . .

איך פיר מיינע טעג אין די בערג פון יהודה,
ווי דו אַמאָל,
מיט דיין ליבשאַפט און טרויער.
געקומען בין איך זוכן דיינע טריט
און נישט דערגאַנגען בין איך
צו דיין בלאַסן טרויער.

ירושלים

א

אַזוי פיל צלמים איבער דיר, ירושלים!
ווי זאָל איך פאַרנעמען דיין אַטלעסדיקע שטילקייט מנחה־צייט,
ווען אַזוי פיל צלמים איבער דיר, ירושלים!
מיט וואָס האָסטו פאַרזינדיקט, אַז דיינע רוימען זאָל מען קרייצן?
קרייץ איז דאָך אַן אָנזאָגער אויף טיפן טרויער און גרויסן אומגליק.
אַזוי פיל צלמים איבער דיר, ירושלים!

ב

אַזוי פֿיל קלויסטער־גלאָקן איבער דיר, ירושלים!
וועקן זיי דיין הייסע פֿאַרטראַכטקייט צו געבעטן.
אויף דיינע ברעמען שוועבט אַ דורכזיכטיקע קלאָרקייט:
צוליב וועמען גיסט זיך אַזאַ שווערע ליבשאַפֿט?
אַזוי פֿיל קלויסטער־גלאָקן איבער דיר, ירושלים!

ג

אַטלעסדיק געגאַרטלט טרעטן ירושלמים דיינע גאַסן,
אַזוי פיל יונגע שלוה איז באַהאַלטן אין דיינע וויסטע ערטער,
אַזאַ ווייטער טרויער רעדט פון דיינע הויכע ערטער.
אַזוי פיל דורשט פאַרשמאַכטער דיר צופוסנס — —
אַטלעסדיק געגאַרטלט טרעטן ירושלמים דיינע גאַסן.

ד

בין־השמשות וויקלט דיך, ירושלים!
דעמערונגען ווייטע קומען מיר אַנטקעגן:
האָרנס פולע ברענגען טרויער־בשורות,
אומגליק טריפט מיט רויטע טראָפּנס.
בין־השמשות וויקלט דיך, ירושלים.

ה

אין דיינע פעלזן־שפּאַלטן לויערט דער פּחד
און אומגליק טריפט נידעריק ביי דיינע טריט.
אַזויפיל באַלאַגערונג־בלוט שרייט אַרויף פון דיינע נידערונגען
און יללהדיקער ווי ברומט פון דיינע הויכקייטן.

ווער וועט אָפּשווענקען די זינד פון די בלוט־פאַרגיסערס
און ווער וועט פאַראַקערן דיין געשלאָגענעם גוף,
וואָס שוואַנגערט מיט פינצטערן טרויער און פּחד?

ו

קלאָגט, איר בערג פון יהודה,
קלאָגט און באַוויינט מיין טרויער.
געגאַנגען בין איך מיינע שעפעלעך איינזאַמלען,
איז מיך געקומען דער אומגליק באַגעגענען:
געהאָגלט האָט מען אויף מיר מיט שטיינער
און געשאַרפט האָט מען מיט גלוסטונג דעם חלף.
קלאָגט, איר בערג פון יהודה,
קלאָגט און באַוויינט מיין טרויער.

ירושלים, ת״ב, תרפ״ז

א. שומיצששער (8)

ס'איז דאָ אַ צייט

* * *

א.־צ. ג.

ס׳איז דאָ אַ צייט פאַר אַיעדן פריילעכן
און טרויעריקן זמר;
ס׳איז דאָ אַן אָרט פאַר אַיעדן וואַנדערער
און זיינע לעמער.

ס׳איז דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַיעדן אָפּגעהיטן
און באַקאַנטן נאָמען;
ס׳איז דאָ דער גרונט, וואָס וועט באַשענקען
מיט זיין קראַפט דעם זאָמען.

ס׳איז דאָ די האַנט, וואָס וועט אַוודאי גובר זיין
דעם חלפדיקן בלאַנק פון מעסער,
און ס׳איז דאָ אַ שעה, ווען ס׳שמאַכט די טרוקענגיש
ביי פולע פעסער.

ס׳איז דאָ דער גאַנג פון אַלע אמתן, וואָס נאָר צו זוכן זיי
און נאָר צו גאַרן,
וואָס האָבן באַוויזן זיך אין גאַנג פון אויסגעפייניקטע
און ליכטיקע געפאַרן.

קומען טעג

קומען טעג, מיט גלעקער־קלאַנג און הירשן־שווונג,
פלינק אין טראָט און וואַך צו בלעטער־רויש,
מיט גבורה־שווונג און זילבער־שאַל אין קלונג —
מאָלן פריידיק שועל מיט העלן פאַרבנטויש.

קומען טעג, ווי ווייַנענדיקע ווערבע־ריטער,
הענגען פייכטע שעהן. פאַרגייט זיך זייער קלאָגן.
און זיי טרעטן מיט אַ טויבן קלאַנג־געשפּליטער —
ריטער, מיינע שעהן, מיטן ווינט פאַרטראָגן!

קומען טעג, מיט דינעם, לייכטן געפּליטער,
שוועבן העלע פוסטריט טוי־געטראָפנט;
און זיי גורטן, און זיי פרוכפערן מיינע גיטער
און ווערן צו זאַטער ערד געגנאָפּלט.

קומען טעג, מיט טראָט פון אַלטע לייט,
שטרויכלען גוטמוטיק מיט טריבע אויגן,
אויף געקנייטשטע ליפן רונצלט זיך: — ווי ווייט?
און בוקן זיך און וואַקלען נידעריק, צו דרערד פאַרנויגן.

קומען טעג, וואָס טרעטן שטיל און זאַנפט דעם טראָט,
שפרייטן יום־טוב אויס ווי אַ גרינע בלעטערשפּרייט.
און עס ריזלען זיך די שעהן מיט לויטערער גנאָד
און זיי גאַרטלען און זיי שפּרייטן שטילע פרייד.

געזאַנג צום עפּלבוים

מיט קנאָספּ פון דיר, עפּל, האָב איך זיך צעבליט
און געפּלאַצט ווי קנאָספּ האָט לעבן מיין אינדערמיט.
און איצט, ווען האַרבסט דיינע בלעטער צעשיט,
שטיי איך אַליין אינדערמיט, אונטער זון צעבליט.

עס האָט די רייפקייט פון ערד מיך גענערט,
מיט זאַטקייט האָט זומער מיין אָרעם באַשווערט.
וואָרצל, אָ, וואָרצל! איך טרינק דיין זאַפט,
קערנדל, אָ, קערן! אין מיר ברוינט דיין קראַפט.

עס האָבן מיינע טעג געשפּילט אין דיין שאָטן,
ווען האַרבסט האָט ווייך איבער לייב מיינס געטראָטן.
געפאַלן דער עפּל — אונזער זריעה געזייט,
ביז ס'האָבן די שנייען אונזער זומער פאַרווייט.

אינאיינעם מיט וואָרצל דורך ווינטער געשוויגן;
געשפּילט האָבן ווינטן איבער אונזערע וויגן.
ביז צווייג־שפּריצן האָבן געקוואָלן, געקייכט,
ביז טויךּ די באַקן האָט פרילינג געפייכט.
און איצט, ווען האַרבסט דיינע בלעטער צעשיט,
שטיי איך אַליין אינדערמיט, אונטער זון צעבליט.

צו דיר, ערד

1

קייטל מיך, רייפל מיך, גאָלדענער זומער!
איך האָב מיינע הענט נישט געלאָזן צו שטומען;
האָב דיינע ווייען מיט פרילינג פאַרנומען.

קייטל מיך, וויקל מיך, גאָלדענער זומער!
געוואַקסט האָט מיין טראָט דיין לויטערן קומען;
געלעשט מיט דיין טוי האָב איך טרוקענעם גומען.

ריטל מיך, בלעטער מיך, לויטערער זומער!
איך האָב מיט מיין אָרעם דיין שלאָף אויפגעריסן,
ווען פרילינג האָט קריעס געטראָגן אויף פליסן.

גאָלדיק מיך, זוניק מיך, גאָלדענער זומער!
געפריידיקט אין מיר האָט מיין ווינטערדיק שווייגן,
ווי דו האָסט געפריידיקט דעם קנאָספ אויף די צווייגן.

11

זאַמלען די בינען דיין גאָלד אין דעם בינשטאָק.
זילבערט פרימאָרגן אין טויִקע טראָפּנס,
געהעלט האָט דער זומער ביי אונזער צוקאָפּנס.

קלינגט דערשטאַנענע מי אויף די פעלדער.
ליגן געקייטלט פאַרדרימלט די טאָלן,
וואַרטן, אַז מילן זאָלן שפּע צעמאָלן.

געקוואָלן די טרויבן, געצרויטלט זיך ווייניק.
געפילט האָב איך קויפן מיט פריידיקן זאַפט,
געיערט האָט אין מיר דיין דערשטאַנענע קראַפט.

געגורט האָב איך לענדן אין דיר, רייפער זומער,
ווען דו האָסט געפּלאַצט אין זאַטקייט פון פייגן
און רו האָט געגאָלדיקט די בלעטער אויף צווייגן.

III

ווינטיק מיך, ווינטל מיך, ברודער, מיין ווינט.
אין געדיכט פון די צווייגן שפילט שאָטן דערין.
וויג מיך ווי ריטל און טראָג מיך ווי בלאַט,
איך וואַרט אויף דיין פלאַטער דורך צעדערן־גרין.

וואַש מיך מיט קלאָרקייט, ברודער, מיין טייך,
מיין נאַקעטן לייב אויפן פייכט פונעם זשוויר.
וואַש מיינע אָרעמס מיט שטראָמיקן פליס —
כוואַליעט זיך ווינט אין גרינעם אַאיר!

זוניק און ברוין מיך, מאַמע, די זון.
מיין נאַקעטקייט צינד און בענטש מיט דיין פלאַם,
לייטער מיט רייפקייט, לויכט אין מיין בלוט,
צינד מיינע שעהן, מיין שוועל בישט פאַרזאַם.

IV

אָטעמט מאַמע־ערד מיט נאָך אַ רעגן,
זאַטע וויגן זיך געוואַשענע די זאַנגען.
אונזער מי וואַרט גרייט דערשטאַנען —
ברידער מיינע, בּינדט געזאַנגען!

מיט פריידיק־ליד די זריעה אַ געבּענטשטע;
געפּרוּכפּערט וואָלקן האָט מיט רעגנשטראָמען,
מאַמע־זון האָט אונזער גרונט דערוואַרעמט —
ברידער מיינע, לאָמיר נישט פאַרזאָמען!

אָ, איר שניטער, ביים פּעלד דעם וויסטן!
בּיי אונז וואַרט תּבואה שוין דערשטאַנען.
שאַרפט זיך סערפּ אויף אונזער שאַרפשטיין —
ברידער מיינע, לאָמיר שפּאַנען!

עמק־יזרעאל, 1927

V

ציט, וואָלקנדלעך, קרייזעלעך, ווייסינקע שעפעלעך —
פאַראַן ביי אונז שפע אַסך:
דאָס פעלד איז געראָטן, אונזער ברכה איז דאָרטן
און עס גאָלדיקן זיך קוקורוזעס אין גאָרטן.

עס קוועלן די באָבעס אין שויטן,
צינדט זון אין פירות די הויטן.
רונד ליגן די טעג אויסגעבויגן,
מיט רחבות דאָס פנים פאַרצויגן.

ציט, וואָלקנדלעך, קרייזעלעך, ווייסינקע שעפעלעך —
פאַראַן ביי אונז שפע אַסך:
אין גאַרבן געבונדענע ליגן די זאַנגען,
צופוסנס זיי בינטלעך געזאַנגען.

VI

די פרוכפּערקייט פון דיינע טאָלן
זינגט אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

אינדן ברויזנדיקע פּרעסן ליפּן צו דיינע ראַנדן,
זינגען אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

און זון צעזייט רחבות־ליכט ביי אַלע דיינע שוועלן,
זינגט ליכטיקייט־געזאַנגען
צו דיר, ערד.

און אויגן — בלויע, ברוינע, שוואַרצע, גרינע
זינגען אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

און גאַנג פון טריט, וואָס טרעטן שטח דיינעם,
זינגט אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

און פירות גאָלדיקן זיך דורך זאַטע, גרינע בלעטער,
זינגען אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

דער טראָג פון ווינט, ציקלאָנען, אוראַגאַנען
זינגט אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

און צוועלף לבנות וואַקסן דורך צוועלף חדשים פון דיין יאָר,
זינגען אויס געזאַנגען
צו דיר, ערד.

טרוקעניש

די זון, אַ דורשטיקע, קומט טרינקען
פון שטייִק וואַסערל אין אָוונט-גלי,
מיט אָקסן, ציגעלעך און אייטערדיקע קי.

טרוקענע ברונעמער ביי אַיעדן שליאַך,
גרעזעלעך, וואָרצעלעך, אומעטיק פאַרשמאַכט:
וואָלט אַ דינער וואָלקנדל אַ רעגעלע געבראַכט!

שטייט אַ פייגנבוים ביים וויטן שליאַך
אָן בלעטערדיק, מיט צווייגן טרוקן, טאָג ביז נאַכט:
אפילו שאָטן פאַלט צו דרערד פאַרשמאַכט.

רויט פאַרגייט די זון אויף סטאַיעס שאָף און רינד.
טרוקענע קרעניצעס ביי אַיעדן שליאַך.
רייסט אַ דורשטיק רעווען אויף דעם אויבערפלאַך — —

וואַקסט די טרוקעניש דורך פעלד און וואַלד;
ביימער, לאָנקעס איינגעשרומפּן, איינגעדאַרט —
קוקן אויגן וואַנזיניק — מען וואַרט...

גייען געגדז

גייט אַ שורה געגדזעלעך דורך טאָלן און דורך לאַנען.
— וווהין איר, מיינע געגדזעלעך, וווהין און פון וואַנען?

וווהין איר, מיינע געגדזלעך, ווי פערעלעך געצויגן,
וווהין זשע איילט איר מיט אַזוינע אומעטיקע אויגן?

זאָגט איינע, אַזאַ קלאָרינקע, מיט פעדערלעך אַזוינע ווייסע,
מיט פעדערלעך אַזוינע זיידענע, ווי אין אַ מעשה:

— גאָ—גאָ—גאָ און גאַ—גאַ—גאַ — מיר גייען דורך די לאַנען,
ווייל היינט איז מאַמע־גאַנדז אַ בייזע אויפגעשטאַנען.

*

זענען ווייסינקע און גרויינקע געגדזעלעך געגאַנגען,
געגאַנגען זענען זיי דורך קאָרן און דורך ווייצענע זאַנגען.

— וווהין איר, געגדזעלעך, איר, פוכיקע און קלאָרע,
— וווהין ציען אייערע העלדזער אין אַ גלייכער שורה?

— גאָ—גאָ—גאָ און גאַ—גאַ—גאַ — מיר גייען זוכן וואַסער.
מיר גייען דאָרט ווו בעסער איז און נאַסער.

*

איילט אַ שורה גענדזעלעך, דורך גראָבן און דורך לאַנען.
— וווהין איר, מיינע גענדזעלעך, וווהין און פון וואַנען ?

וווהין זשע איילט איר, קלאָרינקע, ווי פּערעלעך געצויגן ?
וווהין זשע איילט איר מיט אַזוינע אומעטיקע אויגן ?

— גאָ—גאָ—גאָ און גאַ—גאַ—גאַ — מיר גייען זיך פאַרהוילן.
דער מאַמען האָט געחלומט, אַז מע גייט אונז קוילן...

* * *

אומעטיק שפרייט זיך דאָס גרין פונעם גראָז
ביים שליאַך פון פאַרנאַכטיקן רויט.
שוימט זיך דער טרויער אַריבער דער מאָס —
ווער האָט מיר דעם פיין פאַרטרויט ?

צונטערן טעג איבער פעלזיקן בראָך.
בויגט זיך מיין ברעג אַלבאַסטער באַזוימט.
גרינט מיין בלאַט איבער געל פונעם מאָך —
מיט טרויער און פרייד האָבן אינדן געשוימט.

אין טויִקע טראָפּנס גייט אויף דער פאַרטאָג,
בלייכט זיך באַגינען אין ברעזענער הויט,
אייל זיך, מיין ווינט, דעם טרויער פאַרטראָג !
ווער האָט מיר דעם פיין פאַרטרויט ?

טרעט שטילער

טרעט שטילער, טרעט שטילער די גראָז...
איך האָב זיי מיינע ווערטער פאַרטרויט.
אין פּורפּור, אין גרין און אין ראָז,
ווען זון האָט געוואַשן אונז רויט.

טראָג שטילער, טראָג שטילער זיך, ווינט...
איך האָב אַ יאָר פון מיין לעבן פאַרזייט
געזעצט האָב איך וואָכן אין בינט —
טעג ליגן אין רייפן סוף־זומער צעשפּרייט.

פלאַץ, טרויב, טריף, ווייַן, פון הענגל אַראָפּ!
פאַל שטילער, פאַל שטילער, מיין טראָפּ,
ליגט אין פעלד מיין דערשטאַנענער יאָר,
צוקאָפּנס מיין חלום און וואָר.

טעג האָבן דיך פאַרראַטן

1

אין צעגליטן צויבער צערטל איך די טעג,
צינד שמעקעדיקן ווייַרויך זיי צוקאָפּנס.
אויף שפּיצן פינגער דערנען איך זיך צו מיין פאַרמעג
און דעק מיט טיכער צו די צאַנקענדיקע שאָטנס.

אַן פלאַפּל און אַן רעש שלאָגן מיינע שעהן;
איך קלייב מיט טריישאַפּט זיי צונויף, אָן פאָרוורף, אָן געפילדער,
וואַנדל דורך בייַנאַכטיקע טומאַנען ביז טאָג הייבט אָן צו גראָען
און טרעט דורך מיין פאַרלוסט אַלץ זאַנפטער, שטילער, מילדער.

— טעג האָבן דיך פאַרראַטן — שטאַמלען בלאַסע ליפּן.
בוּ, איז גוט אַזוי. צעפּלייצט אייך דורך אָוונטיקעברייטן,
רגעס מיינע, געקליבן און געזיפּט דורך קלאָרע זיפּן —
און דערפרייט די טריבע שעהן מיט אויסגעדאַכטע קווייטן.

11

מיט טעג צוריק האָט זומער אויפגעבליט,
בריסט מיינע האָבן אָנגעקוואָלן ווי זאַטער גאַרב.
איבערגעוואוויגן האָבן טעג אין רייפער מיד —
נישט געוווּסט געשטאַלט פון גורל טונקעלן, פון גורל האַרב.

געברוינט האָט זון די רייפע פעלדער.
גלידער דורכגעצונדן האָט דערשטאַנען פייער;
געוואַרט האָט מיין באַגינען אַ פאַרפעלטער —
געלאָדן האָבן שניטער ליבשאַפט אַ פולן שייער.

אַ רייף־באַלאָדענע, איין־אַליין געשטאַנען;
נישט געקומען קיינער מיינע פעלדער שניידן:
געקומען זענען טעג מיט ליידיקע געשפּאַנען,
מיינע פעלדער אויסצומיידן.

האַרבסט האָט בלעטער זיינע צו דער ערד געשאָטן.
אָנגעקומען מחנות ראָבן צו די טירן.
געלעגן איז מיין זומער אויפן דיל צעטראָטן —
און ס'האָבן מיינע שויבן בלומענדיק געגנומען פרירן.

צו...

מיט פאָרכט האָסטו דיין לייב צום האַרבסט געבויגן
און בענקשאַפט מיט יעסען־לידער איינגענומען.
ווילדע גענדז זע׳ן אין אַ דרייעק פון דיין ברעג געפלויגן,
לבנה, ווינט האָבן דיין געשטאַלט פאַרנומען.

אַ טונקעלע געפילט די בעכערס מיט באַגער,
מיט בלייכקייט זיך גענייגט פאַר דעם דערוואַכטן חצות.
געוואַנדלט און געפונען אַלע טויערן שטום און לער
און געטרונקען ליבשאַפט פון פולער טרויערמאָס.

* * *

נישט דערדעטע, נישט דערזאָגטע רייד
בליען אין די ווינקלען פון מיין שטוב.
אויף די ליפּן שפּילט אַ קלאָרע פרייד:
נישט דערדעטע, נישט דערזאָגטע רייד.

שניי איז שוין צערונען אויף מיין פעלד.
בשורה-בלימלעך בליען בלוי געקליידט.
און ווו מיין זריעה האָט פאַרפעלט
בליען נישט דערדעטע, נישט דערזאָגטע רייד.

* * *

אין לופטן האָט ליבשאַפט געשוואַנגערט מיט גאָלדענע פירות פון זומער
און צייטיקע טעג האָבן מיט פנים צו דרערד זיך אַריבערגעבויגן
און לעצטן געזאַנג פון די שניטערס האָבן וועגענער געפירט צו די שייערס.
אין לופטן האָט ליבשאַפט געשוואַנגערט מיט גאָלדענע פירות פון זומער.

*

עס בליען רויט די בענקשאַפטן פון מידע זומערס;
די שפיצן האָר האָט שוין באַרירט אַ געלער האַרבסט.
אָ, אַזוי פיל פרייד איז דאָ אין אַ נישט-אָפּגעלעבטן זומער!
אַזוי פיל פרייד באַגינענדיקע אַרום איעדן צוים.

* * *

מײנע נעסטן שטײען לײדיק װי שפּײכלער,
װאָס װאַרטן אָנגעפּילט צו װערן מיט זוניקן שניט:
— װעלן פױגל קומען אין מײנע נעסטן,
אױסצוזינגען ליבע פון אַ רונדן זומער?

איך בינד געזאַנגען
און שטעל זײ אױס אין לאַנגע רײען:
— געבונדענע געזאַנגען,
װי גאַרבן אונטער זון נאָך שניט!

װעלן פױגל קומען זינגען אין מײנע נעסטן,
אױסצוזינגען ליבע פון אַ רונדן זומער?

אַ בלעטל

האַרבסט־געוועלק אויף מאַמע־ערד — —

עס האָט האַרבסט גענומען פּאַטשן אין די שויבן
און פאַרגאַנגען זיך ווי מענטש אין ווייען.
איך האָב געהערט ווי פויגל מחנות ציען
אַהינטער זיך געלאָזן בוימער, אומעטיקע רייען.
עס האָט דער מערב זיך געצוקט אין לעצטן טליען
און מיך געלאָזן וואַרטן ביז די טיפע שנייען.

האַרבסט־געוועלק אויף מאַמע־ערד — —

האָב איך ווי אַן אומעטיק בלעטל צום האַרבסט גענידערט:
צו חברן זיך מיט הוילע צווייגן איז מיר באַשערט.
בלעטערפאַל און ווינט האָבן זיך מיט מיר פאַרברידערט.

האַרבסט־געוועלק אויף מאַמע־ערד — —

האַרבסט

איך בין אַלע מאָל גרייט, איך בין אַלע מאָל גרייט,
צו פאַרנעמען דעם שאָרך פון דיין גאָלדענער קלייד.

איך בין אַלע מאָל גרייט, איך בין אַלע מאָל גרייט,
צו פאַרנעמען דעם רויט פון דיין האַרבסטיקער פרייד.

איך בין אַלע מאָל גרייט, איך בין אַלע מאָל גרייט,
צו פאַרנעמען דעם צוק פון דיין טליענדן טויט.

איך בין אַלע מאָל גרייט, איך בין אַלע מאָל גרייט,
צו זען ווי דיין לייב ווערט מיט נאַקעט געשפרייט.

איך בין אַלע מאָל גרייט, איך בין אַלע מאָל גרייט,
צו פאַרנעמען דיין וויי, ווי אַ האַרבסטיקע קווייט.

בריוו

ליגן זעקס בריוו אויף מיין טיש,
ליגן אין גלי פון שקיעה־ליכט.

שרייבט איינער:
יוגנט איז געשפאַנט אין שווערע רעדער,
האַרץ פאַרמויערט איז אין שטומע ווענט
פון צען, צוואַנציק, דרייסיק שטאָקיקע געביידעס
און ווערט געעלטערט און געעלטערט
און אַז אומקלאָר איז דער זין פון לעבן.

און דער צווייטער שרייבט:
ווייטקייט האָט פאַרטראָגן איין־און־איינציק שטרעבן
אויף פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועגן,
אַז אומעטיקע שעהן שלאָגן אין אַ פוסטן חלל
און עס לויערט איבערן נאַקן שטעכעדיקער, בייזער דאָרן.
טעג זענען אין שטומען פיין פאַרלאָרן.

און דער דריטער:
האָט אומעט זיינעם אין אַ גאָרטן איינגעזייט,
האָבן זיך קעפּ פון מאַקעווקעס צעפלאַקערט פלאַמיק־רויט.
ער בעט, אַז פינגער מיינע זאָלן קומען רייסן,
ווייל ס׳בענקט די פרייד אויף רויטע סאַמעט־בלעטער־שפּיצן.

פערטער בריוו

שרײַבט פון גאָט און בטחון,
אַז מאַמע־האַנט צינדט יעדן פרייטיק אָן אַ ליכטל
פאַר טאָכטערס מזל וועגן,
כדי אויף ימען זאָל זיך שפּרייטן רו פאַר טאָכטערס וועגן
און שלוה זאָל ווי טרייער חבר לעבן אירס באַגלייטן
צו די ניי־פאַרזייעטע חסד־בייטן.

און דער פינפטער בריוו:
איך בין שוין זיבעצן יאָר אַלט געוואָרן
און נעכטן, ביים לילאָוון שיין פון דער לבנה,
האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער סוד פון לעבן:
עס האָט מאַן פאַר מיר באַשיידט די פרייד פון לעבן.

און דער זעקסטער:
אַז פינגער בלאַסן זיך אויף יאָרן לאַנג פאַרגעלטע קלאַווישן,
יוגנט־בענקשאַפט פליסט נאָך איבער ראַנדן
און פאַלט ווי טוי אויף מדברס געלע זאַמדן;
אַז לאַנג געוואַרטער קומט נישט אָנצוקלאַפּן אין איר לאָדן,
פלאַטערן מיידלשע געוואַרטע יאָרן
פאַרשעמטע און פון ווינט געטראָגן,
פאַרשעמטע און פון ווינט געטראָגן.

ליגן זעקס בריוו אויף מיין טיש,
ליגן אין גלי פון שקיעה־ליכט.

ווען נאַכט פאַלט צו

איך זאַלב מיין גוף
נאָך איעדן טאָג פון פרעמדע בליקן
און בענטש די אויגן,
זיי זאָלן נישט בלינד ווערן
פון די זעונגען פון טאָג.

אין פייכטן, פיאָלעטן ליכט
שטייען פולע זומערס,
שורותווייז,
שורותווייז אין שווייגנדיקן שוואַנגער,
זינגען אויס די זאַטע זומערדיקייט
פון דער ערד,
ווען נאַכט פאַלט צו.

ווען נאַכט פאַלט צו,
ברענגען הענט געלייטערטע אַנטקעגן מיר
פולע שווייגנס,
אויסגעוואָגלטע,
אויסגעוויגט אין פיינען,
אינעם בלאָנדזשען איבער וועלטן,
ווען נאַכט פאַלט צו,
ווען נאַכט פאַלט צו.

אותיות

איר קומט צו מיר צו חלום אויפדערנאַכט,
קינדערלעך, איר קליינוואַרג אויף דער וואַך.
איר קלעטערט אויף מיין פנים פלינק אַרויף
און שטעלט זיך אויף דער שפּיץ פון נאָז און לאַכט...
אוי, קינדערלעך, איר, שורהלעך און אותיותלעך,
אוי, אייגענע און נאָענטע, פון אייגן בלוט געבראַכט!
אוי, הערט זיך איין צו אייער מאַמעס רייד:
מיר זענען דאָך געקומען אַלע ברענגען פרייד.
קינדערלעך, איר, קליינוואַרג אויף דער וואַך,
מיר זענען אַלע טרייע קינדער אָן אַ דאַך.
אוי, קינדערלעך, איר, אותיותלעך און שורהלעך,
עס וואַרטן אויף אייך שליאַך נאָך שליאַך —
צעגייט זיך יעדערער אויף זיין באַראָט
און זאָל אַיעדערער געפינען זיך אַ שטאָט.
עס זענען דאָ געגנוג, וואָס ווילן אייער וואָרט.
ס'איז פאַר יעדערן אַ האַרץ דאָ און אַן אָרט.
אוי, נישט פאַרגעסט אָבער אַמאָל צו מיר פאַרגיין,
איר, אותיותלעך, ווען אייער מאַמע איז אַליין.

* * *

לידער פון איצטער פאַרטראַכטע
אין צוועלף רונדע לבנות וועלן קומען צו גיין צו מיין טיר
און מיר פלוצלינג דערמאָנען:
— מיר זענען געקומען צו דיר,
אַז דו זאָלסט אונז נעמען אויף ווייס פון פּאַפּיר.

אַ וואָרט און אַ נאָמען איז ווי אַ ליכטיקער זאָמען,
וואָס עגבערט און יערט און וואָס זוכט זיך אַ וועג דורך אַ בלוט;
צו איינפלאַנצן זיך און פאַרוואָרצלען, ווי קערן
אין שוואַרצן, אין טונקעלן גרונט.
אַ וואָרט און אַ נאָמען איז ווי אַ ליכטיקער זאָמען אין טונקעלן גרונט.

אַ ריר מיט דער האַנט און אַ בויג מיטן קאָפּ און אַן איינצלנער טראָט:
— ווער איז ביים טיר דאָרט?
— אַן איינציקער מענטש!
— פון דער ווייט? פון דער נאָענט?
שטרעקט זיך אַ האַנט אויס, אַ בלייכע, אַ צאַרטע און —
שאַ!

אַ וואָרט און אַ נאָמען איז ווי אַ ליכטיקער זאָמען אין טונקעלן גרונט.

אין הימלעכקייט בליט ווייס די שרעק

שעלט נישט

שעלט נישט די ברכה, וואָס קוועלט פון דער ערד,
קוועלט פון דער ערד:
ס'האָבן זונען געזוניקט די זוניקע זאַנגען,
געבורט פון דער ערד,
געזאַנג פון דער ערד.

שעלט נישט די ברכה, וואָס קוועלט פון דער ערד.

וויפל נערוון האָבן פיבעריש געצוקט
נאָך טראָט פון מיינע יונגע הירשן־פיס!
וויפל סערפּן האָבן מיך געשניטן,
וויפל הענט האָבן מיינע בליונגען געריסן,
וויפל ליפּן האָבן אין הונגער מיך גערופן,
מיך — די בליונג פון דעם זומער,
מיך — די בליונג פון דער ערד.

שעלט נישט די ברכה, וואָס קוועלט פון דער ערד.

אוודאי

אוודאי וועט מיין מאַמע מיינע ווערטער נישט פאַרשטייך
און וועט פון יחוס־בריוו מיר לייענען,
פון זיידעס בערדיקע
מיט ווייזן בליק,
וועמעס לומדות ס׳האָט געשמט העט ווייט, אין די מרחקים;
פון באָבעס באַפערלטע,
מיט שטילע תחינות אויף די ליפּן,
מיט שטערנט־כלעך אויף מאַטע, פאַרמעטענע שטערנס.

וועל איך פאַר זיי די טרערן מיינע לאָזן פאַלן,
און עס וועלן די זינד מיינע פאַר זייער שכינה זיך דערשרעקן
און קלאַמערן זיך אַרום מיין האַלדז
און מאָנען שטרענג ביי מיר אַ תיקון.

זינד מיינע,

וועל איך מיט רחמים מיינע ליפן ווענדן,

זינד מיינע,

זייט שטיל און פאַרכטיק,

ווי אַ טראָפּן טוי אויף אויסגעטריקנטן, פאַרלאָזטן באָדן,

זינד מיינע,

פאַרבאַהאַלט די פּנימער אין מיינע פאַלדן,

עס זאָלן אייך מיינע גאָטספאָרכטיקע, קלאָרע באָבעס נישט דערקענען.

זינד מיינע,

זייט שטיל און פאָרכטיק.

אוודאי וועט מיין מאַמע מיינע ווערטער נישט פאַרשטיין.

איין-און-דרייסיק פון געבוירן

שוועסטער,
נעם די שליסלען און שליס אויף די געוועלבטע טירן פון דיינע קעלערן
און ווייז די געווירצטע, רויטע וויינען,
וואָס דו האָסט געשטעלט פולע פלעשער מיט אַ פול האַרץ,
ווען דו האָסט געגרייט זיך אויף שמחות.
וויקל אויף דעם אַטלעס,
וואָס האָט געזאָלט אָנטון דיין לוסט
און וואָס איז געבליבן פאַרשעמט אין דיינע שרענק.
דאָס ערדן קריגעלע מיט טרערן פון דיינע פאַרבענקטע שעהן
נישט פאַרגעס.
אַוודאי וועלן אין דיינע גרענעצן נאָך שמייכלען יונגע מאָרגנס
און וועלן דיך לערנען,
ווי צו האַלטן הויך דעם קאָפּ,
שוועסטער.

*

ווי אַ לעמעלע האָסטו דיין האַלדז געלאָזן שטרעקן
און ווי אַ לעמעלע אין פעלד האָסטו געפּאַשעט דיין פּאַרדרוס.
געטאַנצט אויף פרעמדע שמחות ביז פאַרטאָגן
און מזל צוגעווונטשן די באַגליקטע,
און וואַרם צוגענומען
די ברכה היימישע:
„אם ירצה השם ביי דיר אויף שמחות".
אַוודאי וועלן אין דיינע גרענעצן נאָך שמייכלען יונגע מאָרגנס
און וועלן דיך לערנען,
ווי צו האַלטן הויך דעם קאָפּ,
שוועסטער.

*

האָסט אָן מולד דיינע האָפענונגען אָנגעהאָנגען
און דעם פולן חודש
נאָכגעשיקט דעם גאַנג פון דיינע טעג.
ביז אויבערפלאַך פון וואַסער האָט אַ האַרבסט־ווינט געמאַכט צו רינצלען;
ביז אַ האַרבסט־וויי
האָט זיך געלייגט אויף אַ פאַרשניטן פעלד.
איין־און־דרייסיק פון געבוירן —
האָסטו די יאָרן ווי זאַנגען אין אַ גאַרב געבונדן
און ווי אַ האַרבסטיקע גרודע ערד געוואַרט אויף פרייד
און ליבשאַפטן פון מאַן.
אַוודאי וועלן אין דיינע גרענעצן נאָך שמייכלען יונגע מאָרגנס
און וועלן דיך לערנען,
ווי צו האַלטן הויך דעם קאָפּ,
שוועסטער.

אומעט וווינט אין טונקל פון דיינע וויעס

אומעט, שוועסטער מיינע·
עס קייכט דער אומעט אויף דיינע אַקסלען,
אומעט וווינט אין טונקל פון דיינע וויעס.
עס רוקט זיך איינזאַמקייט מיט טויבע טריט,
אויף די רוקנס פון דיינע לערע טעג,
וואָס גליטשן זיך אין אָפּגרונט, שוועסטער מיינע.

אין האַרבסט,
ווען בלעטער אויף דיביימער וועלקן,
פאַלן דיינע טעג צופוסנס פון אָפּגעלעבטן זומער.
מערב ברענט אין פורפור־זוים פון וואָלקן
און צינדט דעם פּחד פון סוף־זומערדיקער שיינקייט.
פאַלן דיינע זיפצן,
ווי פאַרשפּעטיקטער געזאַנג
און הענגען אָן זיך אויף די ווענט,
וואָס דו האָסט אין פרייד אַמאָל מיט בלויע טעג באַהאָנגען.

אין הימלעכקייט בליט ווייס די שרעק

אין הימלעכקייט בליט ווייס די שרעק
פון טעג-פאַרלוסט.
און יעדער פלעק,
וואָס האַרבסט באַוויליקט
אויף בלאַט און רוט,
איז ווי אַ חלף-שניט
אין האַנט פון טיליקער.

אין הימלעכקייט בליט ווייס די שרעק.

נאָך ליבע-זעט
איז דאָ דער חוב
צו ברענגען פאַר דעם מאַן אַ דור
און אָנקוועלן ווי אַ פאַרזייעטע גרודע ערד.
אין טעג פון הויכער שוואַנגערשאַפט
קומט-אויף דער צער
פון מוטערס לייב
און דאָס געוויין
פון ווייסן ביין.

אין הימלעכקייט בליט ווייס די שרעק.

געזאַנג פון אַלמנות

אויף אונזער מזל האָט דער טויט באַוויליקט צו שמייכלען
און איבער אונזערע קעפּ האָט אַ האַרבסט-רעגן געפּאַטשט,
שטייענדיק ביי אַן אָפענעם קבר:
דער מאַן פון אונזער יוגנט איז געשטאָרבן.

ווייל די ערד איז געקומען אויפפאָדערן דעם חוב פון די גליקלעכע
און אונז צו לערנען דעם סוף פון די טעג —
זענען מיר ערד-גליבעס, וואָס האָבן מיט חסד באַשאָנקען די זייער
מיט געזונט ברויט.
זענען מיר ערד-גליבעס, אָפּגענוצטע פון שטענדיקן אַקערן און זייען.

אין אונזערע בריסט האָבן קוואַלן געשלאָגן,
וואָס האָבן דעם דורשט פון אונזערע טעג נישט געקענט שטילן,
און דעם הייסן אָטעם פון אונזערע נעכט אַ טרייסט נישט געבראַכט
מיר האָבן אַליין די בליעכצן פון אונזערע פרילינגען געשניטן
און זיך געשפּיגלט אין דעם אָנגעקוואָלענעם רייץ פון אונזער
זומערדיקער רייפקייט.

זענען מיר זעגלען פון ווינטן פאַרפּאַטשטע,
וואָס בלאָנקען דורך די רעשטלעך טעג אָן אַ רודער.
שמייכלען מיר די פרימאָרגנס אין די אויגן
און פאַלן פאַר די פאַרנאַכטן מיטן פנים.

אויף אונזער מזל האָט דער טויט באַוויליקט צו שמייכלען.

* * *

אין אונזערע גלידער דאַרט די פרייד פון אַ נישט־באַפרידיקטער בענקשאַפט

און אונזערע תּפילות זענען אַוועק מיטן ווינט.

זענען מיר סימבאָלן פון פאַרדאַרונג,

וואָס זוכן אַ טרייסט אין אַ פאַרשפּעטיקטן חלום.

ווי ליכט גייען מיר איין

און אויף האַרבסטיקע בלעטער גליוועט אונזער געזאַנג.

די סודות פון טרויער האַלטן מיר אין אונזערע גופים פאַרריגלט.

הייבן מיר אונזערע פויסטן איבער די קעפּ מיט אַ טענה:

דו האָסט אונז באַשאָנקען מיט דער בענקשאַפט קינדער געבוירן

און האָסט אונז געקרוינט פאַר עקרות.

דו האָסט מיט גלוסטונג באַשאָנקען אונזערע בריסט

און האָסט זיי פאַרמשפט צו פאַרוועלקונג.

איז קיין ראָט און קיין ענטפער נישטאָ.

זענען מיר אוממעכטיק און פאַלן צו מיטן פּנים צום שטויב.

טריקענען מיר ווי ליידיקע לאָגלען אין מדבר

און זינגען זמירות צום דורשט פון אונזערע טעג.

זענען מיר סימבאָלן פון פאַרדאַרונג,

אין אונזערע גלידער דאַרט די פרייד פון אַ נישט־באַפרידיקטער בענקשאַפט.

פֿאַרוואַנדלונג

טראָגסט מיין גורל אין דיינע בלוטן,
צינגלט גרינער פֿלאַם פֿאַרטייעט הינטער רוקן.
שליס נישט איין דיין טיר אויף שווערן ריגל —
איך הער סיי־ווי די שלייפֿן דיינע צוקן.

שוימט אין דיר און כוואַליעט אייפֿערזוכט,
ווי וואַסערפֿלוס אין גרויען פֿעלזנבוכט.
ווי פֿאַווע שפּיגלסט זיך אין פֿעדערציר —
געלעגן, שוועסטער, איז דער טרויער פֿאַר דיין טיר.

אין דערוואַכונג — אַ רייף באַלאָדענע,
שמידסטו וואַנדל־פֿייער, אַ פֿאַרשטעלטע.
אין טויען זומערדיק אַן אויסגעבאָדענע,
ביי אייגן יום־טוב־טיש אַ פֿאַרפֿעלטע.

אין שאָטן אומעטיקן לאַנגווייל גרילט,
קלייבסט די זאַנגען אין פֿעלד פֿאַרגעסענע.
אין שמייכל־טאָל איז דיין פּיין געהילט —
בידערן טעג ווי פֿויגל יעסענע.

דערקענונג

לעש נישט, אָ, לעש נישט דיין פייער,
מיט קנאה, וואָס קוקט פון די אויגן;
מיר קלייבן געזאַנגען אין שוועסטערשן שייער,
דיין פענצטערל האָסטו פאַרצויגן.

עס האָט אונז די פרעמדקייט געבוירן,
און טראָט אין צעשיידונג געטראָטן.
מיר האָבן אין גייעג זיך פאַרלוירן;
געווירבל האָט פוסטריט פאַרשאָטן.

עס וואַרטן די הענט אויף דערקענונג —
נישט שלייפל מיט שלייפעלעך די פרעמדקייט.
פאַרשפּאָט די געצאָמטע באַנעמונג;
אין ווינקלען פאַרגייט אונזער לערקייט.

עס האָט דער פאַרדאַכט אונז געבונדן
און געהאָנגען אַ טונקל אויף רוקן:
פאַראייינזאַמטע גליען די וווּנדן
און סע צינגלט אַ פלאַם צו פאַרצוקן.

* *
*

געוויקלט גלידער אין סאַמעט-ווייַ און אַטלעס-לוסט,
אויף אַקסלען האָט די פרייד געצוקט.
מיט פיין געציילט די טעג- און נעכט-פאַרלוסט,
ווען גרינער האַס האָט אויגן-ליכט פאַרצוקט.

פאַנטעריש-ווייך די טריט געשטעלט.
אונטער זיבן הויטן פייער איינגעשלאָסן.
אין בלאַס פון באַקן האָט פאַרדראָס געהעלט —
ווי אַ האַרבסט-רעגן האָבן טרערן טריב געגאָסן.

דיינע ליפן שרייען קאַרמין-רויט.
שנירלסט פרויען-חן אויף פּאָדעם-שפּול.
ווי קערנדלעך אין מילגרוים-רויט,
מיט דינע ליידנשאַפטן ביסטו פול.

צו אַ מאַמע

פון דיינע וויגן קרייזלט קינדער־פּלאַפּל,
וואָרקען אויסגעוויגטע טירקלטויבן,
קוואַליק האָט די ברוסט אַ זומער אָנגעגאָסן,
קליינוואַרג האָבן חלום דיינעם אויסגעזויגן.

הענגען דיינע אָרעמס שווערע און באַלאָדענע,
מיט שאַרלעך־וואָלקן איבער קאָפּ פאַרצויגן:
געציילט דעם פעדער־פלאַטער פון יאָרן אָנגעווירענע,
ווען פייגלען זענען פון דיין שוועל געפלויגן.

פייגלען שוין באַפעדערטע האָבן צוריקגעקערט,
פרילינגדיק צו וואַכן איבער יונג־געבורט;
צוריקגעבראַכט די לידער אויסגעזונגענע
און האָבן דיין דערוואַכונג ווידער אָנגעגורט.

ווי מאַמע־ערד אין זומער אָנגעקליידט,
געטראָגן האָסטו פרוכט דער וועלט אין אינגעווייד.
אַ זאַט פעלד נאָך שניטצייט, נאַקעט, הויל:
וואַרטסט אויף ווידערוווּקס און ווידערוויל.

שוועסטער

קלויסטער־גלעקער קלינגען, קלינגען
אין די בלוטן.
קלינגען מרהשחורהדיק,
שניידן־דורך באַגינענס,
שניידן־דורך פאַרגייענדיקע
גסיסה־שעהן.

קניען שוועסטער־נאָנעס פרום,
אין שוואַרצע טאָגעס,
באַצלמטע לייבער.
ווייסע טיכער בויגן זיך איבער שטערנס,
וואָס קוקן, ווי פאַרחלשטע האַלבלבנות.
לייבער פון יונגפרויען,
געפייניקט פון פורפורנער תאוה,
וואָס צינדט מיט ווייען
די בלאַסקייט פון הויטן.
קניען שוועסטער
מיט פאַרקרימטע ליפּן
און געבעט:
— אָ, הייליקער גייסט,
לעש אונזער דורשט.
הייליקער גייסט,
לעש אונזער בלוט,

לעש אונזער גלוט,
אָ, הייליקער גייסט.

און אויף די וועגן
שטייען שוועסטער
מיט נאַקעטקייט אַנטבלויזטער,
שוועסטער,
וואָס פאַרקויפן
שטיקער לייב
צו מאַנספאַרשוינען.
שוועסטער,
וואָס צינדן באַקן
מיט בלוט, מיט בלוט,
מיט גלוט
פון אונטערגאַנג.

אין שעהן עלנטע,
ווען ס׳געשטאַלטיקן פאַרן דמיון
קינדער־יאָרן,
דורזיכטיקע ווי יונגע שוואַלבן,
געאיידלט
פון מאַמעדיקער פרומער האַנט —
דאַן קאָרטשען אייערע לייבער
ווי שלאַנגען צעהאַקטע.
קאָרטשען אייערע לייבער

אין מיט פון בליען
און שעלטן גורל ביטערן,
וואָס האָט געעפנט טירן
פון תהום.

שוועסטער מיינע,
פאַרשמיסענע און פאַרשעמטע —
איך קום נישט משפטן
הענט פון געפאַלענע.
איך קום
מיט ווײ און לייב
אַנטקעגן אייך.
און אויף די ליפּן
צער און ברכות,
צער און קללות.

שעלט די האַנט פון טיליקער,
וואָס עפנט טירן פון תהום,
שוועסטער מיינע.

בוענאָס־איירעס, 1925

דודע מיר, דודע, אַ ניגון

וואַלגערן זיך גלידער מיט קרענקלעכער גלוסטונג באַפלעקט —
שוועסטער האָט שוועסטערשיס לייב אָפּגעדעקט.
איך האָב אייך געזען אויף רחבות פון מוטער־בראַזיל.
דודע מיר, דודע, אַ ניגון, מיין טרויער פאַרהיל.

פאַרקויפט און פאַרהאַנדלט אייגענעם לייב:
די לאָדן געשלאָסן — אַלעמענס ווייב!
געעפנט געוועלבן צו זעטיקן גלוט.
איך האָב אייך געזען, געוויינט האָט מיין בלוט.

אַ מאַמע פאַרהאַנדלט האָט טאָכטערשיס גוף,
אויף עמיצנס ליפּן קרייזלט די פלוך.
לידער געזונגען מיט לוסט און מיט מוט —
איך האָב אייך געזען, געוויינט האָט מיין בלוט.

איך האָב אייך געזען, געוויינט האָט מיין בלוט —
בראַזיליעס גלוסטונג געטראָטן אויף ברוק.
טראַכט אויפגעעפנט פאַר קלייד און פאַר ברויט,
ווען טויט האָט געשפּילט אין פאַרב פון דער הויט.

עס האָבן זיך ליפּן נישט געעפנט צו פלוכן,
ווייל איך האָב אין לידער אייך שוועסטער גערופן.
פאַרריגל זיך טיר — ס׳האָט אומעט געשוויגן.
דודע מיר, דודע, אַ ניגון.

ריאָ, 1925

פאָרטרעט

מיט פערלשנורן איז דיין האלדז באַצירט.
שליסלסט בענקשאַפט אין בלוי פון איידלשטיין.
שטרויכלען דיינע שעהן אין אַ קרייז פאַרווירט;
אין בלאַס פון פערל־טראָפן וואַרגט זיך דיין געוויין.

אַ רינג באַפוצטער איז אַיעדער דיינער פינגער,
קרישלט זיך אין רינג דיין פיין געשמידטער.
שטעקט די לאַנגווייל הינטער רוקן פייער־צינגער.
טעג, ווי פייגל פאַרשניטן, הענגען אויף יעסען־ריטער.

חן־פאַרלוסט אויף פערלשנור געשנירלט.
מיט רויטע שלייפעלעך געבונדן טעג אין פאָרן.
אָנגעגאַרטלט אַטלעסדיק די גלידער, זיך געצירלט
און די יאָרן אין דעם חשבון אָנגעווירן.

דאָס בלוט רעדט

האָט זיך אַ האַנט געהויבן מיט רויטן ווייַן:
— איך טרינק צו דייַן זיבן־און־זיבעציקסטן
און דאָס בין איך.

האָט זיך אין מיר עמיצער צעוויינט:
— זיבן־און־זיבעציק
און קיין איינער מיר נישט נאָענט ווי מייַן אייגן לייַב;
איז קיין איינער מיר נישט נאָענט
ווי מייַן חלום,
ווי מייַן וואָר,
און כ׳בין קיין איינעם נישט קיין ווייַב.

האָט עמיצער אין מיר געהויבן אַ האַנט:
— איך טרינק פאַר דעם אומבאַקאַנטן,
וואָס וווינט אין מיר.
איך טרינק פאַר דעם נאָך נישט געקומענעם,
פאַר דעם נאָך נישט געזעענעם,
דער צווייטער אין מיר,
וואָס וואַכט איבער מייַן רעכטער האַנט
און היט מייַן לינקע.

רגעס אומעטיקע

איך האָב געבוירן קינדערלעך אַ טשאַטע, צאָל אין פינף,
און מיט ערשטן אויגן־שיין
און מיט יעדן קינדס געוויין
האָב איך דערקענט אָט יענע בענקשאַפט אין יונגע גלידער,
וואָס טראָגט דעם רציון ווייט פון מאַמעס שוועל.

רגעס אומעטיקע, רגעס יונג און העל.

איך האָב געבוירן קינדערלעך אַ טשאַטע, פינף אין צאָל:
ס'איז געווען אַזוי בישט נאָענט און אַמאָל, אַמאָל.
אַ טשאַטע פייגל איז געפלויגן אין אַ ווייטן טאָל.
איך האָב געציילט:
איינס און צוויי און דריי און פיר — ביז פינף אין צאָל.

רגעס אומעטיקע, רגעס יונג און העל.

מער ווי די ערד

אַמאָל זע איך דעם מאַן מיט אַ בליק פון אַ חיה אין אויג,
וואָס איז גרייט צו פאַרצוקן,
און אַמאָל איז זיין בליק ווי אַ שעפּעלעס ווייך
און פאַרכטיק צו פאַלן פאַר ווייבערשן טראָט
און צעכליפּען זיך הויך, ווי אַן עופהלע קליינס אין מאַמישן שויס.
און אַמאָל איז זיין בליק פול מיט חוזק אין בלוט
און מיט ביטערן שפּאָט,
און איז גרייט צו פאַרקויפן די שענסטע מינוטן פון גליק מיט אַ נאָענטער פרוי.
און אַמאָל איז זיין אָטעם אַ ברום,
אַ חיהשער ברום, דערשפּירנדיק רויב.
און אַמאָל איז ער מאַן.
און אַמאָל איז ער ברודער און קינד.
און אַמאָל איז ער שטויב, וואָס פאַרווייעט דאָס אויג.
און אַמאָל איז ער לייב פון דיין לייב.

אַזאַ טונקעלע פרייד,
אַזאַ הייסע און טרוקענע פרייד
ברענגט ער צו בעט אין ביינאַכטן פון ליבשאַפטן־ברויז.
און אַמאָל און אַמאָל—ווי עס טרעפט אין אַ רגעלע בלויז
ברענט ער אויף אַש זיינע ליבשאַפטן אויס
און לאָזט מאַט זיינע הענט צו דעם שויס זיינעם פאַלן —
זעט ער אויס ווי אַ פאַרצערטער פאַרנאַכט,
ווען די זון לאָזט זיך פויל אין אַן אָפגרונט אַראָפּ,
אין באַגלייט פון אַ טרוקענעם רעווען פון בהמישער דורשט.
און אַמאָל און אַמאָל איז ער מער ווי די ערד
און איז מער ווי דיין אייגענע בלוט.

אומעטיק נידערט אויף לעבן,
האַרץ מיינס, דער טוי

סמאָטשע

(אַ גאַס אַזאַ)

I

אין זומער איז די ערד אַ גרינגע קריע
און פּאַר מענטשן איז די נויט אַ מילדערע אַסך.
דער ברוק פון גאַסן אָרעמע ווערט לייכטער און ווערט גרינגער
און קינדערלעך פון נידעריקע שוועלן הייבן אָן צו שפּראָצן,
ווי פּלאַנצן איידעלע נאָך גאָר אַ שווערער קרענק.
ווערן הויפן דול, ווערן הויפן מילדער
און גרינגער איז אַפילו דעמאָלט דער געוויין
פון שווערן און פון אומעטיקן האַרצן.

II

קומען אײנציקװײז אַרױס די אָפּגעװױנטע פונעם לעבן,
פון קעלערס טונקעלע און נאַסע
זשמורען זײ די אָנגעהיצטע קראַנקע אױגן,
מיט פּנימער אַזױנע װי די בלעטער פון אַ נאַסן האַרבסטפּאַל;
מיט סימנים פון אַ געלער קרענק אין שפּיצן פינגער.
זשמורען מיט די אױגן אין דער זון און ס׳טרערן זיך די אַפּלען.
שטײען אָנגעלענט װי אײזלען מידע בײַם נידעריקן טױער;
שטײען אָפּ אַזױ אַ שעה, צי צװײ
און װי קראָטן לאָזן זיך צוריק צו זײערע פאַרשאָטנטע פּאַלאַצן.
פאַר אַזױנע איז ליבערשט שױן צו זײַן אינאײנעם מיט דעם טרױער...

III

די וועלט איז איינגעטיילט אין הויכע און אין נידעריקע שטאָקן.
פאַר וועמען ס׳שיינט דער אָפּגלאַנץ פון דעם ווייטסטן שטערן
און וועמען ס׳איז באַשערט דער אומעטיקער קלאַנג פון אַ קאַטער.
פאַר וועמען ס׳הוידעט זיך אַ מונטערער דער קופּער אין די גלאָקן
און וועמען ס׳איז דער רוקן פון אַ פּלויט אַ נאָענטער און גאָר
אַ אָנגעלייגטער חבר,
און ווער עס האַלדזט זיך מיטן טויט אויף נאָענטן און ווייטן מיסטבאַרג...
און ס׳לעבן מיטאַמאָל ווערט אָן דעם אָנהאַלט
און ס׳ווילט זיך אויסשרייען ביז ווייטיק פון דעם ווייטסטן אבר.

די וועלט איז איינגעטיילט אין הויכע און אין נידעריקע שטאָקן.

IV

ס׳איז יום־טוב היינט אין נידעריקע גאַסן:
עס יום־טובט היינט דער טרויער אויפֿן באַס.
עס זענען אויסגעליידיקט לאַנג די אַלקערס
און ס׳וויינען האַרט ביים דיל די קינדער אויף אַ כריפּנדיקן באַס.
ליגן זיי, די קליינוואַרג, איינציקוויז און זאַלבערנאַנד,
מיט אויסגעדאַרטע, לאַנגע העלדזעלעך — קראַנקע שוואַנען.
ס׳איז נישט קיין הונגער דאָ אין לאַנד
און ברויט איז דאָ געבוג אין וואָג פֿון גאָלד פּאַראַנען.
נאָר ביי די אין נידעריקע גאַסן
וויינט דער הונגער שטענדיק אויפֿן באַס...

V

גייען זיי, די מאַנען פון די נידעריקע גאַסן,
זוכן אַרבעט.
בלאָנקען זיך הכנעהדיק פון טיר צו טיר
און בעטן זיך אויף צו פאַרדינגען,
מאַכן זיך קוראַזש און גלייכן אויס די אָנגעשפּיצטע אַקסלען
ביי יעדן איינגאַנג.
שטייען זיי, ווי אָפּגענוצטע פערד פון בייטש און אַרבעט;
שטייען זיי, ווי אַזוירעס פאַרגלייזטע קעגן ווינטער
און וואַרטן אָנגעכמורעטע, מיט שטריק פאַרבונדן ס'נפש אויף
דער העלפט,
עס זאָל חלילה זיך נישט איינברעכן אויף צווייען
דאָס רעשטל לעבן,
וואָס דאַרף נאָך אויסקוקן אויף צו פאַרדינען ברויט
פאַר פּיצעלעך פון נידעריקע הויפן.
קריכן זיי, ווי ראָבן בלודנע, די מחשבות
און מאַכן אינדערקרים צעוויינען זיך ס'מויל...

וואַרשע, 1928

* * *

רויען זיך לעבנס אויף בערגעלע מיסט —
פייף, פייפל, אַ ליד מיר אין ווינד און אין וויסט.
רינשטאָק איז היים פאַר היימלאָזע הענט —
ברעקעלע גוף האָט הונגער פאַרלענדט.

האָט זיך דער ווײ אויפן מיסטבאַרג געמערט —
עמיצנס לעבן איז אויסגיין באַשערט.
ווער ס׳האָט געזינדיקט אַנטקעגן די הענט —
דער האָט דאָס לעבן געפּליקט און געשענדט.

פּעקין, 1926

הונגערלאַנד

האָסט מיך באַגעגנט, אָרעמקייט, ביי אַלע וועגן
און געטריי געניגט דיין פּנים צו מיין טיר.
האָסט זיך דערנענט מיט הונגער אויף די ליפּן,
געטוליעט, זוכנדיק אַ טרייסט ביי מיר.

אויף עלנט-באַרג האָסטו זיך געפּעדערט,
דו, אומדערבאַרמדיקע, האַרבע נויט!
אַ פולן יאָר קומען צו דיר אָרעמע און טריבע,
פאַלן פאַר דיין מיסט און וויינען נאָך אַ שטיקל ברויט.

געלעגן ביסטו, הונגער, אַ געשוואָלענער מיט בליק פאַרשטאַרטן,
געקלעטערט האָט דיין שאָטן אויף די ווענט.
ווייזערס האָבן געשלאָגן איבער גוף פאַרדאַרטן —
האָסט פאַרצערט, האָסט געשונדן און פאַרלענדט.

איך האָב געוואַנדלט און געקרייצט דורך הינטערוועגן,
פון דיין האַרבקייט, הונגער, אויסבאַהאַלטן.
ביסט געקומען אַ פאַרשטעלטער מיר אַנטקעגן:
ביי אַלע שיידוועגן געקרייציקטע געשטאַלטן.

איך רוף דיך, האַנט, צו ברענגען דיינע מעשים,
פאַרזייעטע און געהאָדעוועט אין הונגערלאַנד —
פאַרן נייעם מאָרגן דעם אויפגעוואַכטן,
אויפגעוואַכטן אין דערוואַכטן הונגערלאַנד!

ליד פון שאַבטיאָרן

מען האָט פאַר אונז טויער פאַרריגלט
און גאַנג פון טראָט אויסגעלויערט.
אויף נאַכטיקע שלעסער פאַרזיגלט
און שטים און גראַניט איינגעמויערט.

גליט אונזער פנים פאַרצאָרנט:
— מיר גראָבן, מיר גראָבן, מיר גראָבן.
צענפאַכיקער פלוך האָט געוואָרנט,
געבויגן ביים פינצטערן גראָבן.

מיר האָבן דעם עלנט געבונדן
און וואַרטן פרימאָרגן זאָל בלייכן:
געאייניקטן קנויט אָנגעצונדן
און וואַכן איבער גלוטיקן צייכן.

צו האָרעפּאַשנע מענער־הענט

געלער פּיבער האָט געפּלאַנצט,
געפּרוכפּערט און געהיילט די ערד
מיט בלוט פון מאַן,
מיט שווייס פון מאַן.
הענט! הענט!
בלאַסע, בלאַס־ראָזע,
ברוינע, ברוין־שוואַרצע,
בלוי־שוואַרצע
האָרעפּאַשנע מענער־הענט!
הענט געצונדענע פון געלן פּיבער.
הענט פון מענער וועמעס בענקשאַפט
ס'האָט געטראָגן זוכן נייע שוועלן־וועלט.

מענער־הענט,
אויסגעצויגענע פון שווערער אַרבעט,
הענט, וואָס האָבן אָפּגרונטן געמאָסטן.
הענט, וואָס האָבן מיט פּיקעס אין שטיין געהאַמערט,
איז פון האָרעפּאַשנע מענער־הענט
אויסגעוואָקסן: ווענט! ווענט! ווענט!
האַפן־ווענט געמויערטע אין ימען.
ווענט געפורעמטע פון מענער־הענט,
הענט געפלאַסטערטע אין ווענט פון האַפן.

אין לבנה־נעכט,
ווען שיפן שטייען דרימלענדיקע, שווערע,
געאַנקערט פון ווייטן וואַנדערן,
בליען־אויף פון האַפנס־ווענט
האָרעפּאַשנע הענט,
וואָס האָבן ווענט
פון שטיין געפורעמט —
מידע שיפן פון דער וועלט
זאָלן קומען רוען
פון שווערן וואַנדערן.

געלער פיבער האָט געפלאַנצט,
געפרוכפערט און געהיילט די ערד
מיט בלוט פון מאַן,
מיט שווייס פון מאַן.

סאַנטאָס, בראַזיל, 1925

ביים לאָרן אַ שיף

1

אָרעמס, וואָס שליידערן אַנקער אין אָפּגרונט פון ימען;
אָרעמס, וואָס צינדן די לאָדונגס־מאַשינען
מיט חשק פון אַרבעט;
אָרעמס פאַרברוינטע אין טראָפּישע זונען —
קילט זיי דער זאַלציקער ווינט פונעם ים,
אָרעמס פון אַרבעטערמאַן!
מוסקולן וואָרצלדיקע, נאַקעט פאַר פריי־ים און ווינט,
גבורה צעעפנט ביז צו די לענדן —
ער און מאַשין!

באַוועגן זיך מוסקולן פון אַרבעטערמאַן
מיט טאַקט פון מאַשין,
געבראָכן אין פילפאַכע ווינקלען.
געקלאַמערט אין שטריק־אָרעמס,
ציען אַרויף זיך די קופּערנע שטאַבעס —
אַ ברכה געכאָוועט אין אָפּגרונטן טיפע.
זינגט ערדיקייט הימען צום מאַן מוסקוליסטן:
מיט כוח געהאַמערט,
מיט אָפענער בראַווקייט
שניידט ער מיט ווילן ווי זעגן געשאַרפטע
ממשלה פון שטיין און גראַניט!

11

איר ווישט מיט רויער האַנט דעם שווייס
און עסט דעם שוואַרץ־פאַרהאָרעוועטן ברויט,
און שעפּט אין צענער, אין צוועלפער
פון קעסל ווי איין מענטש.
איר קייט געשמאַק מיט אייגן־טאַקט פון די מאַשינען אייער לוין.
איר זייט רוי און שווער און ברוין.
ברוסט — שוואַרץ־געגאָסענער טשוהון
לאַכט גראָב און הויך אין וועלן־רייש.
אָ, פּולסירנדיקע, מאָזאָליסטע הענט,
געהאָדעוועט אויף וועלט־באַראָט
אין רעגן, שטויב און ווינט.
אָ, שווערע אַקסלען, צעצויגענע אין רחבותדיקער ברייט —
געצאַנקערט ביי ברעגעס וועלט —
וויבריִרט אין שיפן־פייף און ים־געבּרום,
אויף ים־באַראָט!

אנטאפאגאסטא, 1926

מוקדען

1

אַרום וואָקזאַל

הינט און ריקשאָ־פערד און מענטש.
קוליס — שווערע פּראַצע־הענט.
פּיליגרימער אויף אויסלייז־וועג.
פרוי געפּאַלענע ביים ראָג פון וועלט.
פליגן פלאַטערן ביים שיין פון לעקטרע־לאָמפּ.
משא־טרעגער מיט דער פלייצע אָנגעגרייט —
שרייען פלייצעס: — גיט אונז ברויט!

קוליס קנאָכנדיקע אין נאַסן, גרוילעכן פּאַרטאָג
און ריקשאָ־פערד — מענטש, אומעטיקער מענטש —
האָט ווילן אין האָלאָבלעס איינגעשפּאַנט —
בליט אין בליק דער הונגערבראַנד.
שפּראָצט אַ יונגער טאָג אויף גראָז און בייט,
פעלדער ליגן, וואַרטן אויסגעשפּרייט.

בּעטלער הויקערדיקע מאָנען: — ברויט!
און אויף ביינערדיקער האַנט ליגט אויסגעשטרעקט דער טויט.
אָ, יונגע טאָפּאָלן אין בּלוי פון האָריזאָנט!
איר בּליט יונג־זומערדיק אויף דלאָניע פון ווירוואַר...
אָ, פרוי פאַרלאָרענע אויף אומעטיקער ערד!
עס ווערן מוקדענס גאַסן פון דיין פּיין געצוערט.

וויג זיך רעגן, וויג זיך חסד־שטראָם,
וואַש, פאַרשווענק דעם געלן טרויער בּיזן תהום!

II

אין גאַס

איז מיר אַלץ אַזוי אַלט, אַזוי ניי,
וואָלקן און פויגל, וואָס ציען פאַרביי.
איז מיר אַלץ אַזוי נאָענט און אַלץ אַזוי ווייט,
שוואַרצע און ברוינע און ווייסע אין שטרייט.

שרייט ביקס ביים מאַן פון אַקסל אַראָפּ,
בענקט קויל נאָך רויטן און זודיקן טראָפּ.
פּעכטן זיך הענט אויף שטרענגן געבאָט,
אויגן לאַכן און וויינען אויס צער, אויס שפּאָט.

מוּשטירן אויף שליאַכן מענערשע פיס
און שניידן אויף ערד מיט שאַרפן און שפּיציקן שפּיז.
און איך האָב אַ סטענגע אַ רויטע פאַרלוירן אין וויסטן געיעג —
פון פרעמד האָט געמיגלט אַ רויטער, אַ בלוטיקער שטעג...

מ׳קרעז, 1926

סייגאָן

בײַ די ברעגעס פֿון טײַך סייגאָן
זינגען קלױסטערשע גלעקער אַ פֿרומען געזאַנג.
בלאָנקען זעגלען געדיכט ווי אַ וואַלד,
בלינדע, צעפֿליקטע פֿון שטורעם און ווינט,
און ס׳פֿאַרגייט זיך אַ וואָיען פֿון הימלאָזע הינט.

בײַ די ברעגעס פֿון טײַך סייגאָן
שרײַען קינדערשע בײַכלעך געשוואָלן פֿון הונגער און נויט,
שטײַען שפּײַכלער פֿאַרפֿולטע פֿון דיל ביז דער סטעליע מיט ברויט—
קומען שטאָלענע שיפֿן פֿון ווײַט און פֿון פֿרעמד,
פֿאַרנעמען די שפֿע פֿון טויזנטער הענט.

אויף דעם אויבערפֿלאַך טײַך סייגאָן
שווימט דער טויט מיטן פּנים אַראָפּ,
און עס טראָגט זיך אַ קררא־אַ אין דער הויך,
צירקלען פֿויגל מיט דורשטיקער פֿרייד:
— טויט האָט אונז מאָלצײַט געגרייט!
טויט האָט אונז מאָלצײַט געגרייט!

אינדאָ־כינע, 1926

ביים ראַנד פון כינע

פרוי און מוטער
ביים ראַנד פון כינע און אינד!
עס הענגען די קאָרבן פון אייערע אַקסלען געלאָדן מיט אומעט און מי.
עס הענגען די טרוקענע בריסט, ווי פאַרטריקנטע לאָגלען
אין בלענד פונעם דורשטיקן וויסט,
און ס׳וויקלען טראַנטעס פאַרפוילטע אייער פאַראָרעמטן גוף —
אויף אייערע ליפּן גליט אַ פאַרריגלטער פלוך.

פרוי און מוטער
ביים ראַנד פון כינע און אינד!
שווימלען די באָרוועסע טריט פאַרדונגען צו אייביקער פראַצע אויף
גליענדן זאַמד.
איר לאָדט אייערע טעג אין גרונט פונעם שיף אינאיינעם מיט
קויל־שוואַרצן שטויב,
און ס׳ווערט אייער יוגנט פאַרברענט אין פלאַם פונעם פינצטערן רויב.
עס ריזלט פאַרהלשט געזאַנג פון אויגן באַזוימטע מיט קרענקלעכער רויט:
— מיר גאַרן און וואַרטן אויף רו פונעם טויט.

פרוי און מוטער —
אַריבער מיין קאָפּ הענגען הימלען אין געלייטערטן בלוי,
וויגט זיך די זאַטקייט אויף זאַנגען אין פעלד פאַרן שניט.
און אומעטיק נידערט אויף לעבן, האַרץ מיינס, דער טוי
ביים ראַנד פון כינע און אינד.

מיט דורשט אויף ליפּן

שטיי איך פאַרן טויער פון דער וועלט
און שווער איז מיר צו בעטן,
שווער איז מיר צו בעטן.

מיט דורשט אויף ליפּן
זיץ איך אויפן שוועל פון אַלע קוואַלן
און שווער איז מיר צו טרינקען,
שווער איז מיר צו טרינקען —
ווייל אַהינטער זיבן שלעסער
איז דער קוואַל פאַרריגלט,
איז דער קוואַל פאַרריגלט.

ברענט דער דורשט אויף
דעם זאַפט פון מיינע ליפּן,
דעם זאַפט פון מיינע ליפּן —
ווייל אַהינטער זיבן ריגלען
איז דער קוואַל פאַרריגלט,
איז דער קוואַל פאַרריגלט.

* * *

געהויקערט אויף קנאָכיקן שטעג
דורך פראַצע אייך לידער געזונגען ;
דערלייזט אייך, פאַרשניטענע טעג,
אַ קיילעכדיק יאָר פאַרדונגען...

דערלייזט אייך, פאַרשניטענע טעג,
פאַרצוקטע אין אייגענעם שאָטן !
געשניטן האָט אייך בויט אויף איר זעג
און שטיק נאָך שטיק צעטראָטן.

נישט שענד!

אָ, מאַמע־ערד,
גאַ דיר, נאַ דיר אונזערע הענט,
וואָס זענען קיינמאָל אומטריי נישט געווען דער שווערער אַרבעט
און אונזער פראַצע בעט צו דיר:
נישט שענד!

אין פרילינג האָבן מיר צו דיר גערופן,
אַז קוועלן זאָל די פאַרזייעטע מי אין דיינע טיפן,
אַז הונגער, מאַמע־ערד, זאָל דיך נישט פלוכן.

אָ, מאַמע־ערד,
נאַ דיר, נאַ דיר אונזערע הענט,
וואָס האָבן דיך געמונטערט און געוועקט
און לעבן אין פרילינג־גרונט פאַרזייעט;
בענטש די טעג און פראַצע, וואָס איז לויטער, אומבאַפלעקט,
אַז לייכטן זאָל אויף אונז דיין פרייד.

אַ ליד צום קאַרטאָפל

פאַרהאָרעוועטע הענט האָבן דיינע בייטן געזייט —
אָ, וויפל אויגן עס בענטשן דיך, קאַרטאָפל־בייט!
דיך האַלט מאַמע־ערד אין איר טיף, אין איר קלעם,
איך זינג צו דיר, מאַמע־קאַרטאָפל, מיין ברכה פאַרנעם.

מיט בראָדעוועס באַשאָטן איז דיין רונד געזיכט,
אויסגעלייגט ווי ברכות ליגסטו שיכט נאָך שיכט.
בליסט בנעימותדיק מיט בליטן בלוי און ווייס,
צו דיר קומען הונגעריקע זוכן זייער שפייז.

ניט געשטומט האָט דיין לעבן אין פרילינגדיקער ערד,
כ׳בין געגאַנגען צווישן בייטן און דיין קוועלן געהערט.
קוועלט בייט אין דער טיף און בליט אין זונענליכט,
פרוכפערן זיך קאַרטאָפליעס אין אָדערדיקע בינט געדיכט.

אַרום דיר, מאַמע־קאַרטאָפל, האָבן זיך קליינוואַרג געמערט,
אַ יאָר קיילעכדיק אָרעמקייט וועט פון דיר ווערן גענערט.
זוניקסט זיך ניט אין דער זון ווי דיין בליט.
האָדעוועסט קליינוואַרג מיט ראַכיטישע טריט.

דיך האַלט מאַמע־ערד אין איר טיף, אין איר קלעם —
איך זינג צו דיר, מאַמע־קאַרטאָפל, מיין ברכה פאַרנעם.

מען שעכט אונז

א ריח פון טויט-פלייש האָט זיך געשפרייט אין דער לופטן,
און אַ חלף-אויפשניט אויף אַ קעלבערן האַלדז האָט אַ בליץ געטון
פאַר די אויגן:

מען שעכט אונז!
אונזער בלוט איז געוואָרן אַ הפקר
פאַר דער תאוה צו פלייש.
מען שעכט אונז מיט אַ ברכה אויף ליפּן,
מיט אַ דינעם בלאַנק פון אַ קאַלטן חלף צווישן ציינער
און מען שעכט אונז הייגטוועלטיק:
קאָפּ צו קאָפּ
און רוקן צו רוקן
געבונדן.

מען פירט אונז פון די פּאַשע-פעלדער
דורך די גאַסן פון גרויס-שטעט צו דער שחיטה,
צוליב דער תאוה צו פלייש.
אַ שלאַכטפעלד פאַרביי
און אַ שעכטהויז פאַרביי...

אין אונזערע אויגן איז דער צער פון וויסן.
אונזער רעווען פון טויט
בלייבט הענגען איבער די קעפ ווי אַ בלוטיקער צייכן.
שעכטהייזער זענען פון שטאָל און היינטוועלטיק.
שעכטהויפן זענען שאַנדהויפן אין היינטוועלטיקע קרוינשטעט.

אונזער בלוט איז געוואָרן אַ הפקר פאַר דער תאווה צו פלייש.

* * *

איך האָב אויף אייך קיין מעסער נישט געשאַרפט
און פלויטן נישט געפלאָכטן.
מיט ווייכן טראָט האָב איך דורך אייך געטראָטן
און האָב דעם גאַנג אייך נישט פאַרבאָטן.

איך האָב אייך צו דער תּליה נישט געפירט
און טיר פאַר אייך נישט צוגעשלאָסן:
איך בין מיט פּנים צו אייער שטויב געפאַלן,
ווען הונגער האָט גערעוועט פון די שטאַלן.

— גענוג, — האָבן ליפּן בלייך געפּליסטערט —
זאָט איז שוין די ערד מיט נישט־פאַרדינטע שטראָפן...
גענוג עקרה־טעג פאַרן שוועל זיך לייגן,
גענוג דעם אויסגעדאַרטן גוף פאַר אייגן שאָטן בייגן.

און אַלץ ווערט אויפגעיין פון דאָס ניי

* * *

פֿאַר וועמען דער מעסער,
פֿאַר וועמען דער ווײַן —
ווער ס׳איז פֿאַרגרעסערט
דורך יענעמס אַ שײַן.

ווער ס׳האָט פֿאַרשפּעטיקט
און ווער ס׳האָט פֿאַר צווײ,
ווער ס׳איז געזעטיקט
דורך יענעמס אַ ווײ.

ווער ס׳איז געלעגן
מיט שנייען באַדעקט,
זײַן אָרעם פֿאַרמעגן
געהיט און געוועקט.

ווער ס׳האָט געזומערט
אין בלאַט פֿון אַ בוים,
ווער ס׳האָט פֿאַראומערט
זײַן אייגענעם טרוים.

אונזער פעלד

אונזער נישט-צעאַקערט און דאָרנדיק פעלד
וואַרט אויף געלייטערטער, רויקער האַנט,
מיט גבורה און חסד צו וועקן דעם גרונט,
מיט ברכות און מי צו בענטשן באַנאַנד.

אונזער נישט-צעאַקערט, פאַרלאָזן פעלד
וואַרט אויפן ריר פון געפרוווטער האַנט,
צו שפּירן פון אַקער דעם שאַרף אין דער טיף,
וואָס אַקערט מיט פריידיקער ליד איינגעשפּאַנט.

אויף אונזער נישט-צעאַקערטער, קנאָכיקער ערד
פאַרשעמט וואַרטן יאָרן, פאַרצאָמט און פאַרשטעלט;
ליגט שפע אין ליכטיקע שיכטן געגרייט,
דרימלט פאַרשלאָסענער רוף צו דער וועלט.

מיר זענען אַזוינע געגאַרטע

ערד אויסגעוויטערטע,
לאַנד אויסגעוואַרטע.
מיר זענען פון לאַנגאָנען
אַזוינע געגאַרטע.

ערד אויסגעהונגערטע,
לאַנד אויסגעדאַרטע.
מיר גייען, מיר קומען
פון אַ וואָר אַזאַ האַרטער.

מיר גייען, מיר קומען
פון אַ וואָר אַזאַ האַרטער.
מיר גייען, מיר קומען,
יאָרטויזנטער וואַרטן.

ערד אויסגעוויטערטע,
לאַנד אויסגעוואַרטע.
מיר זענען פון לאַנגאָנען
אַזוינע געגאַרטע.

גליל, תרפ״ז

טויזנט-לענדערדיקע בענקשאַפט

טויזנט-לענדערדיקע בענקשאַפט איז דאָ אויסגעגאָסן
ביי יעדן שוועל און יעדן טויער.
אַיעדער איינגאַנג וויסט פון פריידן און פון טרויערן.
ביי אַיעדן איינגאַנג פלאַטערן העל די פאָנען
מיט אַ דינעם טרויער-זוים אויף ראַנדן —
ביי אַיעדן טויער וואַכן העט די אומגליקן צו גיין אַנטקעגן.

*

צער איז דאָ פֿאַראַן אַסך אין אונזער מחנה.
אָן־ווערטערדיקער צער איז דאָ צעאַקערט
אין יעדן קנייטש פֿון טרויעריקע שטערנס.
אַצינדערט זענען מיר די ערשטע שפּראָצונג און ערשטע בליונג
אויף אַ וויסט פֿון פֿילע דורות.
מיש זיך, בוך, און בלאַט נאָך בלאַט,
דעק אויף די פֿיבערפֿולע אברים.

*

אַ פֿאַרלאָרנקייט איז דאָ אין אונזער מחנה,
אַ יאוש שרפֿעט אונזער גומען:
טורעמס דימיונדיקע האָבן מיר אויפֿגעמויערט
וואַרפֿן זיי רעפֿלעקטאָרס איבער אַלע ימען:
קלאָרע וואַסער האָבן מיר שוין צו טרינקען,
ביסן־ברויט איז פֿון אייגן פֿעלד געשניטן,
זוינקלדיקע פֿייגנבלעטער שאָטענען די הייסע שעהן
און אַ בענקשאַפֿט־רעווען טראָגט זיך פֿון די אויפֿגעהאָדעוועטע קעלבער.
שטומען אַלע שוועסטער־ברעגעס.

אַ פֿאַרלאָרנקייט איז דאָ אין אונזער מחנה,
אַ יאוש שרפֿעט אונזער גומען.

*

רחמים, ברידער מיינע, נישט אַזוי פאַרצאָרנט,
זאַט איז שוין דער לאַגער אונזערער מיט נישט־פאַרדינטע שטראָפן.
געגאַנגען זענען מיר געשפּאַנטע פון אַ ליכטיק, שטראַלנדיקן האָפן,
גרייט אַיעדן מדבר־שטיין צו לעשן דורשט מיט בלוטן פונעם גלות.
נישט מיט הפקר־ליד האָבן מיר דעם טראָט אונזערן געמונטערט
דורך שווערע שטרויכלונגען, דורך דאָרנדיקן, קללהדיקן מדבר.
אַ ליד איז דאָ ביי אונז אין אָרעמקייט געבוירן,
ווען פחד האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט פון אַלע פיבער־זומפן.
דאָס ליד איז, ברידער מיינע, אַ געזעטיקטע מיט פּיין און טרויער טיפן,
אַ טרויער, אַן אויסגעשוויגענער, אויף ווייטיקפולע ליפּן.

ווײ, ייִדיש ליד

ווּ זאָל איך מיך ווענדן מיט מײַן ייִדיש ליד?
ווײ מיר, ווײ.
פֿרעמד איז מײַן לשון אין די גרענעצן פֿון יהודה,
ווײ אונז דאָ, ייִדיש ליד!
אַ גיפֿטיקער צאָרן טריפֿט אויף דיר,
ייִדיש ליד,
אין לאַנד פֿון ישׂראל.

אין צײַטן פֿון פֿינצטערן בראָך האָבן מיר אין אומגליק אַ חלום געבוירן,
אַ לויטערן חלום, ייִדיש ליד.
ווי אַ מאַמע האָסטו אונזערע טרויערן פֿאַרנומען.
אותיותווײַז האָסטו דײַן ליבשאַפֿט געבוירן,
דעם טונקעלן תּהום פֿון די טעג צו דערלײַכטערן.
זענען מיר אַלע געווען בעל־חלומות
און האָבן אונזער זעונג אויף ליפּן געטראָגן,
און האָבן אונזערע צערפֿולע בלוטן אויף הארץ פֿונעם גלות
געלאָזן צו רויטלען —
אונזער ווײ האָט געבלוטיקט,
ייִדיש ליד.

יידיש ליד,

פאַר דיר האָט זיך אַ נייע גלות־היים געשטאַלטיקט,
פון ירושלים ביז צו די הויכקייטן פון חרמון.
האָסט געקייטלט אין הימנען דעם בראָך פון די צייטן אויף ערדן פון גלות
און האָסט אויף ברוסט דיין פאַרצייכנט די אומגליקן טיפע
און זעלטענע רגעס מיט פריידן באַחנטע.
אונזערע עלנטע טרויערן האָבן אַ וויג אין דיין פשטות געפונען.
צוקאָפּנס ביי דיר איז געלעגן אַ באַרג רויע שטיינער.
זענען מיר, טרוימערישע שלייפער, געקומען צו דיין פאַרוויסטונג
און געזעגט און געשלייפט און געהאַמערט דיין רויען געשטאַלט
ביז צעשטראַלונג — —
יידיש ליד.
גלות האָט דיך געשטאַלטיקט,
דורך צער — ביז הויכער צעשטראַלונג,
דורך יאוש — ביז לויטערסטע פריידן.

ווער האָגלט,
ווער קומט מיט פאַרוויסטונג צו גיין דיר אַנטקעגן,
מיין יידיש ליד?

ווער צאָרנט,
ווער שעלט דיך מיט ביטערע קללות,
מיין יידיש ליד?

דאָס זענען די האָגלער פון אייגענער מחנה,
וואָס שאַרפן אַ צאָרן פאַר דיר,
מיין יידיש ליד.

ווער אָטעמט אויף דיר מיט אַ גיפטיקן אָטעם,
מיין יידיש ליד?

ווער שרפעט דעם גומען מיט אַלערליי סמען
געפּרוווטע,
מיין יידיש ליד?

ווער ווונדיקט אויף אונזער פאַרוויסטונג,
מיין יידיש ליד?

דאָס זענען די האָגלער פון אייגענער מחנה,
וואָס שאַרפן אַ צאָרן פאַר דיר,
מיין יידיש ליד!

תל־אביב, תרפ״ז

* * *

אַלץ איז געווענדט ווי מען טרויערט,
אַלץ איז געווענדט ווי מען שפּילט.
פֿאַר יענעמס, פֿאַר אייגענעם טרויער,
איז אייביק דער פּחד געהילט.

אוי, נישטאָ איז פֿאַר וועמען פֿאַרטרויען
דעם אָפּשיין פֿון נאָענטן גליק.
פֿאַר וועמען, פֿאַר וועמען באַדויערן
אויף בײַער פֿון דער תּליה און שטריק?

און אַלץ איז מיט גיפֿט שוין באַוואָרנט
ביי שוועל פֿון דער טייערסטער היים.
און ס׳גייט־אויף דער צער פֿון דעם דאָרן
און ליד פֿון דעם שטומען לײם.

טריט

דורותדיקע טריט
בלאָנדזשען אין מיינע בלוטן,
טרעטן מיינע בליענדיקע טעג
און מיינע יונגע יאָרן
בליען,
בליען.
טריט, מיינע וואַנדערער.

*

מאַרש פון דורותדיקע וואַנדל־טריט
פאַרשלאָגן דעם אָטעם
פון מיינע טעג
און מיינע יונגע יאָרן
בליען,
בליען.
טריט, מיינע וואַנדערער.

*

טריט קומען געהויקערט
מיט אומגליק,
יללות,
געיאָמער אויף שפיצן פון פוסטריט
און מיינע יונגע יאָרן
בליען,
בליען.
טריט, מיינע וואַנדערער.

קאַירא, 1927

האמעל, 1905 — 1928

איך בין אַוועק פון דיר נאָך גאָר אַ שפּראָצערל
און שוין מיט ברוגז אין מיין פּנים.
און ס׳האָט מיר נאָכגעשפּירט ווי גאָר אַ טרייער הונט
ס׳פּחד טונקעלע פאַר האַק און לאָם,
און פעדערן פוכיקע אויף שטיינערדיקע ברוקן
און דיינס אַן איבלדיק וואָרט:

— בעי זשידאָוו

געגנוג אייך, ווערטער מיינע, זיך שטענדיק ווידערהאָלן, ווידערהאָלן;
ס׳איז בלויז אַ ווידערקלאַנג פון גאָר פאַרטונקלטע אַמאָלן,
און אַלץ ווי אין אַ חלום קומט עס פאָר...
געגנוג אייך, ווערטער מיינע, זיך שטענדיק ווידערהאָלן.

*

האָב איך פאַרעקשנט מיין געשטאַלט אַנטקעגן האַרטקייט פון דיין פנים;

געווען איז דאָס אי ווייט, אי לאַנג צוריק.
דיין ערד געווען איז בלויז אַ וויג פאַר האַס און שונאים
און ס׳האָט געטליעט בלויז אַ טונקעלע שנאה פון אַיעדן בליק.
האָב איך פאַרעקשנט מיין געשטאַלט אַנטקעגן האַרטקייט פון דיין פנים.

האָב איך פאַרפרעמדט פון דיר מיין בגד און מיין לשון
און האָב ביז בלוט פאַרשניטן אַיעדן וואָרצל,
וואָס האָט געקענט נאָר דינען פאַר דערמאָנונג...
איך בין געווען נאָך גאָר אַ דין, יונג שפּראָצערל,
האָב איך פאַרפרעמדט פון דיר מיין בגד און מיין לשון.

איך האָב געמאַנט — איך בין אויפסניי געבוירן;
דיין ערד האָט מיך, אַ ווייטע, נישט דערקענט.
נישט שוין זשע, אָ, נישט שוין זשע, זע׳ן פאַר מיר פאַרלוירן
די פלעקן בלוטיקע פון דיינע ווענט?!

איך האָב געמאַנט — איך בין אויפסניי געבוירן.

* * *

לייב און פעלד און טרוים
פון נייעם וואונדער —
איך גיי און קום און טרעט
אַלץ וויכערדיקער, רונדער.

אין לאַנד אין אָרעמען, אין לאַנד,
וווּ מי איז נייע קרוינונג,
מיר שליסן זיך געאייניקטער
אין ברידערלעכער וווינונג.

איך גיי און שליס און בינד
מיט טרייסט־ווערטער די וועגן;
איך גיי — אַ פייערלעכע
קום איך אייך אַנטקעגן.

און ס׳קרייצן זיך און בויגן זיך
און מערן זיך און מערן
די פלעצער ליכטיקע אין לאַנד,
אין אויסגעחלומטן פון שטערן.

צו קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

געזעסן ביסטו מיט מיר אין מיין צימער אויף ליעש,
ווען די ווייסל איז געלעגן אַ געפרוירענע אין פוילנס קרוינשטאָט.
גערעדט האָבן מיר פון גרויסע לידער
און וועגן דיכטער און וועגן וועלט.
האָסט מיר דערציילט פון איין־און־פערציק קינדער
וועמעס קעפּעלעך דו גלעטסט אין שווערע נויטן,
די טעקע דיינע איז געווען פאַרפּולט מיט זאָרגן פונעם טאָג.

— — — — — — — — — — — — — — —

האָסט קליינע הענטעלעך און קלוגע אויגן, קאַדיע,
און ביסט אַ דיכטערין פון אמתן גנאָד.

מיר האָבן גערעדט פון מעטריק און פון גראַמען,
אַ יאַמב און אַ כאָריי געווען איז דיר נאָך פרעמד.
האָסט זיך געשראָקן פאַר די דיכטערישע צאָמען
און האָסט געזאָגט, אַז פרייער פערז איז אמתדיקער שפּריי.
אַוודאי, קאַדיע, ס׳איז אונז גוט און ווילן צו זינגען,
ווילן צו זינגען מיט אַיעדן אינדערפרי,
אָבער לייכטער נאָך און זיכערער די פליגל,
ווען ס׳זינגט אַ גוי־געבוירענער כאָריי.

אַ גרוס דיר, קאַדיע מיט די קלוגע אויגן,
דאָ זיץ איך ביי דעם זוים פון רוסלאַנדס גרעסטן טייך —
די וואָלגע הייסט זי,
און נישט געזען און נישט געגלויבט האָב איך,
אַז וואַסערן קענען מיטן פרילינג זיך אַזוי צעשפּילן,
פאַרגינען ביז די דעכער אָנפילן אַ שטאָט
מיטן נאָמען ניזשני.
טייכן האָבן ליב אַ פרייען אויפשוווּנג —
אַ פשיטא שוין אַ דיכטעריש האַרץ!

— — — — — — — — —

איך האָב אַסך געשוויגן יענעם אָוונט,
ווען דו האָסט פאַר מיר געלייענט „באַטווינס ניינצן יאָר”.
און ס׳האָבן דעמאָלט אַלע דיינע לידער
געזעצן דיין פולן חלום אויפן וואָר.

טאָ, קאַדיע, זיי געגריסט פון רוסלאַנדס מוטערל, די וואָלגע,
עס וואַקסט אויף פעלדער דאָ אַ רויטע פרייד.
מיר וועלן זיך באַגעגענען אין פערזן, קאַדיע,
נישט שרעק זיך פאַרן יאַמב און דעם כאָריי.

* * *

איך טרעף דאָ שפּורן צייטיקע פון גאָר אַ נייער ליד,
וואָס ברענגט מיר גרוסן ליכטיקע און גרינגע.
און ס׳ענטפערט אָפּ מיין יעדער פּיבערדיקער גליד:
— עס זענען אַלע דאָ אַזוינע פּשוטע און יונגע.

עס איז אַיעדער קעמפנדע און זיכערע געזיכט
אַ חבר דאָ אין לאַנד, אַ חבר בראַווסטער.
און ס׳טרעט אַיעדער אָנהייב־טראָט צום ווייטסטן ליכט
אויף זיג, אויף לעבן און אויף איינשטעל.

איך טרעף דאָ שפּורן צייטיקע פון גאָר אַ נייער ליד,
וואָס פאַרגרינגערט, וואָס פאַרגרינגערט אַלע לאַסטן.
און כ׳קלייב צונויף די שורות פון מיין קלאָרסטער ליד
און זאַמל מיינע בלאָנדזשענדיקע מאַסטן.

* * *

ס׳איז אומזיסט צו זעען אייך
מיט רייד פון שטראָף אויף ליפּן נאָכאַנאַנד.
און ווער פון אונז איז דען צו שאַנד
און ווער פון אונז איז נישט מיט אייך?

מיר טראָגן יעדערער אַ ווייטע פּיין
און זינגען אַלע מיט געזאַנג —
ווער קען פאַרשטעלן פון בלוט דעם גאַנג
און ווער פון אונז איז דען אָן פּיין?

ס׳איז דאָ אַ האָדסן־ברעג, אַ ים,
ווו אונזער פרייד וואַקסט אָן אַ שטאַם
און אונזער וואָרט איז נישט פאַראַן —
באַקאַנט איז אונז אַזאַ־אָ סם.

פאַר יעסעניגס קבר

געוואָקסן ביסטו ווי אַ פויערל אין נידעריקן הויף,
מיט בלאָנדן קאָפּ, מיט גאָלד־געפּרעגט פון זאַנג.
געליבט ביז ווי די ערד די רוסישע, די בהמהלעך און ווינטיקן געזאַנג,
ביז אײגענער שגעון האָט פאַרצויגן אויף דיין האַלדז אַ שלייף.

דער יאוש האָט דיין לייב געפּרעסן,
ווי עס פּרעסט די פּלאָג אַ וועלפּישע פעל.
האָסט מיט לבנה זיך געהאַלדזט ביי יעדער שענקען־שוועל
און פאַרגאַנגען זיך אין שיכּורע מעת־לעתן.

איך האָב צום ערשטן מאָל געטראָפן דיך אין רעש פון די
בערלינער שטראַסן,
האָסט דאַן געחוזקט פון דיין ליבע צו אַ פרוי, אין זעכציקער די יאָרן
און זי גערופן צויג אַריבער העכסטן טורעמדיקן גאָרן.
דאָס לעבן האָט געכפּלט זיך פאַר דיר אין פאַכיקע גרימאַסן.

האָסט אַן אָדער אויפגעשניטן פאַרן לעצטן שטערבן,
כּדי מיט בלוט פון לייב דערענדיקן אין הייסן וואַן פון דיין געמיט
די לעצטע שורות פון דיין ליד,
דו, דיכטער שיכּורער מיט טרויער פונעם לעבן!

זיו, דיכטער שיכורער מיט טרויער פונעם לעבן,
מיט בלאָנדן קאָפּ, מיט גאָלד־געפּרענז פון זאַנג.
געליבט ביז ווי די ערד די רוסישע, די בהמהלעך און ווינטיקן געזאַנג
און פון אַ ווי אַ טונקעלן געטרונקען און געגעבן.

קומען מיידלעך, בלאַסע און פאַרבענקטע,
מיט בלומען דיך צו גריסן.
ביסט גרייט געווען פון יעדן קוואַל צו נעמען און געניסן
פון אַלע שעהן דיר געשענקטע.

אַ רעטעניש געווען פאַר דיר די נייע צייט און נישט גאָר קלאָר.
דיין בלוט געררופן האָט צו שיכורן און אומבאַשטימטן בונט
און ס׳האָט דיין אינגעווייד פאַרגאַנגען זיך אין ווייען ווי אַ הונט.
דו ביסט אַ שפּראָצערל געווען פון גאָר אַ מידן דור...

אַוודאי, מיינע טייערע

צו מיינע זעקס שוועסטער און פיר ברידער!
איך, אייער זיבעטע שוועסטער און עלפט קינד,
שרייב צו אייך פון רויטן לאַנד אַצינד,
די וויג אייערע פון קינדער־טעג און קינדער־לידער,
פון וואַן איר האָט אייער טרוים פאַרטראָגן
העט ווייט, צו די צפון־שנייען פון קאַנאַדע.
איר פרעגט:
— צי האָסטו, שוועסטער, דאָרט געיום־טובט דעם אָקטיאַבער?
אַוודאי,
מיינע טייערע!
דאָ האָב איך שוין דעם רויטן־פלאַץ געטראָטן און געטראָטן;
דאָ יום־טוב איך די בענקשאַפט אייערע,
וואָס אייער ליב האָט פונדערווייט פאַרנומען.
פון קרעמעל ביז צו די נידעריקע שטיבלעך פון ווייסרוסיע;
פון די ברויטן־פעלדער אויף אוקראַינע ביז צו די וויינען פון ליוואַדיע
האָב איך די נישט־פאַרענדיקטע לידער אייערע פאַרנומען,
אינאיינעם מיט די קינדער פונעם לאַנד.

*

ס'איז ווערט געווען, ס'איז ווערט געווען
צו פילן דעם סם פון ברודער-בלוט און קלאַסן.
מיר האָבן געטיילט זיך און געשפּליטערט זיך אויף לאַגערן
צוליב אָקטיאַבער-טעג פון זיבעצעטן יאָר.
ס'האָט דאַן געשפּראָצט אַ ליכטיקער כאור.
אַ צוואָנציק-גופּיקע געזינד איז בייב טיש געזעסן,
אָקטיאַבער-טעג האָבן דאַן אין בלוט צעפלאַמט זיך ווי אַ פלאַקער.
מאַמעס שטערן האָט געאיידלט אַזאַ בלאַסקייט
און אויף די ליפּן האָט געראונצלט זיך אַ מאַמעס פּיין:
— קינדער מיינע, ברודער-בלוט איז טייער.
איך האָב אַיעדערן פון אייך געטראָגן מיט אַ ליבשאַפט אונטערן האַרצן.

*

אצינדערט זיך אין ליוואַדיע.
אַוודאי
איז אייך באַקאַנט,
אַז אין די טעג פון פאַר־אָקטיאַבער
איז דאָ געווען די היים פון רוסלאַנדס הערשער
די באַקרוינטע.
איצטער איז ליוואַדיע אַ באַוווינטע:
פויערים פון קאַלטן קורסק, פון וויאַטקע און אָריאָל,
פון נייעם רוסלאַנד
וווינען דאָ.
דאָ רעדט אַיעדער שטיין פון צייטן שווערע פון אַמאָל.
אַצינדערט זענען טעג שוין לייכטע און באַלוינטע.
מיר זיצן אויף די טרעפ פון ווייסן־פּאַלאַץ
און פרייען זיך און לאַכן.
ס'איז יום־טוב דאָ אַיעדער אינדערוואָכן.
די פויערים און פויערטעס, אין ווייסע ליינענע כאַלאַטן,
פאַרציילן מיר מעשיות טונקעלע און רויטע,
אין טעג פון פאַר־אָקטיאַבער,
און אַז דער קייסער איז געווען אַ גאָרנישטל אַ מענטש.

אַוודאי איז אייך באַקאַנט געווען דער רויטער טרויער;
איר האָט אַליין, דאַכט מיר, געקעמפט אויף היגער ערד דאָ
אין רייען פון באַפרייער.
אַוודאי
וועט אייך זיין אי ליב, אי טייער
צו הערן, אַז איך בין דאָ אַ גאַסט ביי פויערים
אין ליוואַדיע.

*

מיר האָבן געליבט, געפרייט זיך, געאַרבעט און געטרויערט
אין ווייטן לאַנד, אין ווייטער היים,
אויף ערד קאַנאַדער.
און צאַנקערייען האָבן נישט געפעלט.
די יונגלינגען האָבן וואָרצלען גלייך אין נייער ערד געלאָזן
און געוואַקסן ווי די קירבעסן אין גערטנער אָן פאַרצאָמונג,
מיט ווינט און מיט פאַרדראָסן.
ווי אָדלערלעך האָבן מיר געשיקט די בענקשאַפט אונזערע צו קילן
צו די שניי־פעלדער פון אונזערע בערג.

(איך לאַך, ווען איך דערמאָן אָן יענע אינדערפריען,
ווען אין זיבן וועלדער טונקעלע פון זיבן שוועסטער־קעפּ
האָבן געבראָכן זיך די קאַמען.)
עך, געווען זענען דאַן פלינק און גרינג די מיען,
ווען ס׳האָט איעדערער געטראָטן זיינע טרעפּ!
ווער ס׳האָט געקוקט נאָך אין די אויגן פון דער מאַמען
און ווער ס׳האָט ווייט געשיקט זיין בענקשאַפט אויף יענער זייט
די ברייטע אָקעאַנען.

ס׳איז ווערט געווען, ס׳איז ווערט געווען
צו שפּירן דעם סם פון ברודער־בלוט און קלאַסן.
מיר האָבן דאַן געטיילט זיך און געשפּליטערט זיך אויף לאַגערן
צוליב אָקטיאַבער־טעג פון זיבעצעטן יאָר.
ס׳האָט דאַן געשפּראָצט אַ ליכטיקער כאור!

*

א גרוס אייך, טייערע, אַ גרוס אייך, ליבע,
איך בין שוין ווידער דאָ ביים שוועל פון דניעפּערבוי,
עס געשטאַלטיקן אין מיר דאָ נייע לידער,
אַיעדע האַנט איז דאָ אַן ערשט געפאַלן טוי.
און ווען איך קומען ווידער
צו די בערג-ריפן פון אַלטער הייט,
וועלן מיר זיך ווידער פרייען:
געלעכטער וועט זיך לייגן אויף אונזערע באַליבטע צעדערן און שנייען.

וואָס הערט זיך עפּעס אין מיין היים,
זינגט מען אַלץ נאָך דאָרט בריטאַניעס לידער?
שוין צייט, אַז אַלץ זאָל אויפגיין פון דער נידער,
עס זאָל אַ שיין טאָן
דאָס פּנים פון דערנידעריקטע ברידער.

איר מיינט אַוודאי, אַז נע-ונד איז אַ קללה,
מיין נע-ונד זיין האָט מיר געגעבן אַ דאַך:
די גאַנצע וועלט געוואָרן איז מיין חבר;
פון יאַנגצעס טאָלן
און דורשט פון אינדיעס הייסע פליינען.
איך האָב געפרייט זיך דאָרט אינאיינעם מיט די קינדער
און האָב מיט זיי אינאיינעם אויך געטרויערט.

אַוודאי האָבן געלויערט
בלוטיקע געפאַרן.
(איך האָב פאַרבלוטיקט מיינע טריט אויף ווייטן אויבערפלאַך)
ווער טראַכט פון דעם אין טעג פון קנעכט און האַרן?
אַצינדערט
איז מיין קאָפּ געבענטשט
מיט רויטן פלאַטער.
נישטאָ איז נאָך אַ צווייטע פרייד אַזאַ
ווי דאָ, אויף ערד באַנייטער...

און אַלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי

ה. לייוויקן

עס איז די וואָר פון היינט אַ האַרטע, פעסטע וואַנט.
די צייט איז היינט פאַר קאַמף און פאַר געזיגן,
און ס׳איז אַ שלייף פאַראַן פאַר יעדער מידער האַנט;
און ס׳איז אַ וווּנד אַ רויטע איעדער נייער געטש.

געקוואָלן האָט דאָ די ערד מיט טייכעלעך פון סם אין ראַסן־בלוט
און יאוש האָט אין יעדן בוים געבליט.
און קראַנק איז מען געווען פאַר צער און נישט געווען דער מוט,
און ס׳האָט געבליט מיט רויט איעדער אומדערוואַרטעט שניט.

און אַלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי: .
די טעג די נידעריקע זענען שוין פאַרלאָפן קעגן ווינט.
ווער ס׳האָט געלעבט, ווער — געוווּנדיקט און ווער — געליבט
פאַר דריי;
ווער ס׳האָט פאַרדינט אויף תליה הענגען שטאַר און ווער —
ס׳האָט נישט פאַרדינט.

דאָ ווייזן זיך מיראַזשן ערלעכע ביים ראַנד פון אייגענעם געמיט
און קלאָר ווערט אַלץ און גרינג און פשוט מיטאַמאָל.
און ס'ווילט זיך אָנזאָגן אַ בשורה צו דעם וויטסטן דור, אין בענקשאַפט פון אַיִדן גליד:
— עס בלאַנקט אויף חורבות דאָ אַ דור אַ היציקער, ווי אַ געשאַרפטער שטאָל.

און אַלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי:
אין אָפּגלאַנץ פון לבנות אויפן טייך;
אין רויטן ווי פון האַרבסט.
און דור נאָך דור וועט קומען: — איינס און צוויי און דריי!
און וועלן ווי שפּערלינגען זיך טראָגן מיט אַ צוויטשעריי.
און אַלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי.

יונג איז ערד און רויט איז בלוט

(פּ אָ ע מ ע)

די יידישע איבערוואַנדערער
אין ראַטנפאַרבאַנד — אַ מתנה

I

אויף פעלדער קרימער און כערסאָן
איז דאָ אַ מעשהלע, וואָס הייבט זיך אָן:
געגאַנגען זענען יידן זוכן וואָס צו טאָן,
געגאַנגען און געקומען און געלאָזן אַלץ אין קאָן.
געקומען אויסגעווינטיקטע צום ווילדן סטעפּ,
געקומען יידן בערדיקע, מיט ווייב און קינדער אין זייערן פאַרמעג:
— באַגעגנט ביסטו, סטעפּ, אונז קיינמאָל נישט געווען.
מיר ווייסן נישט ווען און ווי אַזוי עס איז געשען,
אַז מיר זאָלן שטיין פאַר דיר ווי אַ צעשראָקן בינטל שאָף,
וואָס זעען נישט קיין אָנהויב און קיין סוף.
געקומען זענען מיר צו לייגן פאַר דיר אונזערע טעג,
ווייל איצטער ביסטו אונזער איינציקער פאַרמעג...
— — — — — — — — — —
אַזוי האָבן זיך יידן באַגעגנט מיט סטעפּ
און געבויגן פאַר אים די פאַרזאָרגטע קעפּ.

*

האָבן זיך צעטראָגן בשורות נאָענטע אַריבער דעכער פון דער נויט;
בשורות נאָענטע, וואָס האָבן געשמעקט מיט ערד, מיט אַקער און מיט ברויט.

און פעלדער בליענדיקע, מיט ווייצן און מיט ווײַנשל און מיט ווײַן
האָבן איבער נויט געלויכטן און גערופן ווי אַ העלער שײַן:

— ס׳איז שוין אויפגעגאַנגען, אויפגעגאַנגען איבער אונזער נויט,
אויפגעגאַנגען אונזער ערשטער ליכטנדיקער ברויט!

האָט זיך דאָס שטעטעלע גענומען רירן ווי פון אַ ווייטן פײַן,
און פענצטערלעך געהויקערטע האָבן אויפגעלויכטן אין לעצטער שײַן:

ווער ס׳איז מיט ליד געקומען צו דער ערד און ווער — מיט סם אין בלוט
און ווער ס׳איז אויפגעגאַנגען מיט זאַנג צוגלײַך, מיט ערד-געבורט.

ווער ס׳איז מיט ליד געקומען און ווער — מיט ליידיקן אין הענט;
און ווער מיט ברכה אינעם בליק און ווער ס׳האָט ערד געשענדט.

ווער מיט מידקייט צוגעפאַלן איז צום שטויב מיט הוילע הענט
און ווער ס׳איז מיט אַ שווייגן צוגעפאַלן און מאַמע-ערד דערקענט.

און ווער עס האָט געמאַכט די ערד פאַר היים, פאַר אייגן בלוט,
[פאַר נאָענט לייב —
האָט אָפּגעענטפערט ס׳פעלד: — קום, אַקער, זיי און בראָנעווע
[און שנייד און קלייב!

פֿאַר אַלע הענט, פֿאַר אַלע האָריקע און מאָכיקע, פֿאַרשוואַרצטע הענט,
וואָס האָבן אויפֿגעלויכטן פֿון פֿאַרפֿינצטערונג, — צווישן נידעריקע,
[דומפּע ווענט;

פֿאַר הענט, וואָס האָבן אויפֿגעשטראַלט אין טוונג און אין הייסער מי,
וואָס זענען איצטער דאָזיקע, פֿון ווייט, פֿון נאָענט און פֿון הי — —

איז שוין אויפֿגעגאַנגען, אויפֿגעגאַנגען איבער אונזער נויט,
אויפֿגעגאַנגען אונזער ערשטער לויכטנדיקער ברויט!

*

אויף סטעפּישן שויס, אויף האַרבסטיקן דיל
איז מען פון סלוצק און פון קאָרטשעוו און זוויל;

איז מען פון זשורטש און פון אומאַן און שפּאָל —
און פאָלג מיר אַ גאַנג ביז זייער אַמאָל!

אַן ערשטע אַ נאַכט, און אַ נאַכט אָן אַ דאַך.
פאָלג מיר אַ גאַנג און לייג זיך און לאַך!

האָבן זיך די יידן צעלייגט אינעם סטעפּ
מיט פריילעכע שטערן אַריבער די קעפּ,

איז אַ שטערן געפאַלן, געפאַלן אין דער נאַכט.
אוי, היינט נישט געדאַכט, האָט זיך יידן געדאַכט —

האָט זיך יידן געדאַכט: אין ווינט אַזאַ קול,
אַ געוויין, אַ געיאָמער, ווי אין טעג פון אַמאָל...

אַ פּאַטש מיט די פליגל איבער סטעפּישער הויך —
האָט זיך יידן געחלומט אַ שרפה און רויך!

און טאָג איז געקומען אָן קריי פון אַ האָן...
און אַלע אינאיינעם: — וואָס האָבן מיר צו טאָן?

אוי, האָט עס יידן ביים האַרצן געדריקט!
האָבן יידן מיט וואַסער און ברויט זיך דערקוויקט.

און ס׳האָט זיך אַן עדה פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט:
— אָט דאָ וועלן מיר שלאָפן אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט...

*

מיט אָקסן־געשפּאַן, און אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
ציט זיך אַ וואָגן נאָך אַ וואָגן.
אַ ברעט צו אַ ברעט און אַ שטיין צו אַ שטיין,
און אָט דאָ און אָט דאָרט וועט אַ שטוב אַמאָל שטיין.

אַ שטיין צו אַ שטיין און אַ קאַנט צו אַ קאַנט,
און ווינקל מיט ווינקל וועט האַלטן.
אַ ריר מיט דער האַנט און אַ וואַנט צו אַ וואַנט
און עס לייגן זיך באַלקן נאָך באַלקן.

אַ הויז צו אַ הויז, און עס וואַקסן אַרויס
קוימען נאָך קוימען וואָס העכער.
אין סטעפּישער היים, אויף סטעפּישער שויס
מערן זיך דעכער און דעכער.

*

שטעלן זיך אָנטרייבער אָפּ אין דעם סטעפּ,
אין סטעפּ אַ ליד צו פאַרציִען.
פאַרציט זיך אַ שטים, און אַ שטים נאָך אַ שטים:
— מיר וועלן זיך פלייסן און מיִען!

אַ ריר פונעם אָרט און אַ וואָרט צו אַ וואָרט:
— וואָס קען איצט אין שטעטל פאַרלויפן?
אַ וויאָ אין דער נאַכט — האָבן זיך יידן פאַרטראַכט:
— צי האַנדלען נאָך יידן און קויפן?

אַ וויאָ אין דער נאַכט — האָבן זיך יידן פאַרטראַכט:
— אוי, ווײ איז עס דאָרטן אַ בלאָטע!
אַ וויאָ אין דער נאַכט — האָבן יידן געלאַכט:
— מיר זענען פון מאַרקן שוין פּטור...

*

מיט בייטש אין דער האַנט, זאַלבערדריט, זאַלבערנאַנד —
מיר גייען און גייען און גייען.
אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן און אַ האַנט צו אַ האַנט —
מיר זייען און זייען און זייען.

אַ שניט אין דעם גרונט, אין פעלד אַרום רונד
און סע קעמט און סע קרייזלט די בראָנע.
עס ציטערט פּאור: — איז עס חלום צי וואָר?
און ס'לויכטן די קערנער אויף דלאָניע.

מיט בייטש אין דער האַנט, זאַלבערדריט, זאַלבערנאַנד —
מיר גייען און גייען און גייען.
אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן און אַ האַנט צו אַ האַנט —
מיר זייען און זייען און זייען...

*

האָט מען געאַקערט, האָט מען געזייט;
האָט מען פאַראַקערט די פעלדער פון נויט.

האָט מען געוואַרט אויף פעלדער פון נויט.
האָט מען געוואַרט, אַז אויפגיין זאָל ברויט.

איז אַ לבנה, היינט נישט געדאַכט,
רויט אויפגעגאַנגען אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.

האָט מען גערעדט: — די לבנה איז רויט,
וועט שוין אויף פעלדער אויפגיין די נויט.

האָט זיך די שרעק איבער הויפן צעשפּרייט,
אַריבערן שליאַך און אַריבערן פּלויט.

איז זון אויפגעגאַנגען און זון האָט געברענט,
און זון האָט געשרפעט אי פעלדער, אי הענט.

האָט סטעפּ נישט געבוירן און סטעפּ האָט געגליט:
אויף סטעפּישן פנים אַ שניט נאָך אַ שניט.

האָבן זיך באַוויזן מענטשן מיט שרעק,
פאַרוואָרפן אויף אַקסלען געלעכערטע זעק.

האָבן זיך באַוויזן מענטשן אויף סטעפּ,
מענטשן מיט הונגער אַריבער די קעפּ.

אויף קנאָכיקער ערד, פון פרי און ביז שפּעט,
האָט מען באַגעגנט אַ סקעלעט נאָך אַ סקעלעט.

האָט מען געגנישטערט און האָט מען געשנאָרכט,
און צו דער ערד זיך געבויגן מיט פאָרכט.

*

אין פערציק מעת־לעת, אוי, פערציק מעת־לעת
געוואַרט האָט אַ פעלד אויף אַ טריפנדן נס.

אַ טריף און אַ טראָפּ, אַ טריף און אַ טראָפּ
און אָט איז אַ וואָלקן אַריבער דעם קאָפּ!

אַ טריף און אַ טראָפּ, אַ טריף און אַ טראָפּ —
צעטראָגן זיך בשורות אַרויף און אַראָפּ;

צעטראָגן זיך בשורות אַרויף און אַראָפּ
און ס'לויפן שוין קינדער אין פלינקן גאַלאָפּ.

האָבן גרויסע געליאַרעמט און קליינע געפרייט,
און וואָלקן נאָך וואָלקן, עס גייט און עס גייט!

האָט זיך צעגאָסן די סטעפּישע פרייד;
די מי איז געקוואָלן אויף סטעפּישער ברייט —

די מי איז געקוואָלן און סטעפּ האָט געבליט;
די מי איז געקוואָלן ביז זוניקן שניט.

*

עס הוידען זיך און כוואַליען זיך, עס גייען-אויף די מיען
אין קאָרנפעלד, אין ווייצנפעלד, דורך טויזקע אינדערפריען.

און ס׳רייסן זיך און שפּאַרן זיך די זונגסנאָפּעס דורך אַלע שפּאַרעס,
און ס׳טראָגט אַ דאָרף דעם טאָג אַרויס אויף אויסגעהונגערטע מאַזשאַרעס.

און יידן מאַכיקע, און יידן פשוטע פון אינדערוואָכן
האָבן פאַר דער סאָכע אָפּגעאָכט ווי פאַר אַ טרייען שכן.

צעוויגן זיך, צעהוידען זיך די גוידערדיקע אָקסן-פּאָרן
מיט יאָך אויף קאַרק און זאָרג אויף אַיעדן האָרן.

און ס׳צערטלט שוין די ציטעריקע סטאַדע צו דער פּאַשע,
די פלינקע בריה-מויד, די האָרעפּאַשניצע מאַריאַשע.

עס הוידען זיך און כוואַליען זיך, עס גייען-אויף די מיען
אין קאָרנפעלד, אין ווייצנפעלד, דורך טויזקע אינדערפריען.

*

און ס׳קלינגט שוין אָפּ און ס׳הילכט שוין אָפּ
דאָס ליד פון שניטער.
און ס׳ענטפערט אָפּ אַיעדער זאַנג
אין לעצטן ציטער.

און ס׳איז אַיעדע שווערע האַנט אַט דאָ אויף ערד
אַ טרייסטער היטער.
און ס׳איז אַיעדער וועג שוין אַ געצייכנטער
פון בראַווע שניטער.

*

סטעפּ, דו ביסט היינט מילד און רויִקער ווי שטענדיק;
אַן אויסגעצויגענער, געגרונדיקטער, פאַרענדיקט.

און גרינג ווערט מיטאַמאָל און זיכערער און מונטער,
און ס׳ווילט זיך נידעריק אַראָפּ צו דיר אַרונטער.

איך בין אַ זומערלאַנג געווען דיין טרייסטער היטער;
און האָב געמונטערט יעדן זאַנג און דיינע שניטער.

דו רעדסט צו מיר מיט ברייטקייט פון די פליינען —
איך ענטפער ווי אַ טרייער היטער, אַזאַ־אָ איינעם.

דו ביסט געוואָרן צו מיין לייב אַן אָנדענק, אַן אָפּגעהיטער
מיר זאָל זיין פאַר דיינע אַקערער און דיינע שניטער.

*

אַן ערשטער שניי האָט צוגעדעקט דעם ברויט פון ווינטער־זריעה
און ס'האָט דער הימל נידעריק צעקושט זיך מיט דער ערד.
האָבן דעכער בערדיקע פון פויערישע כאַטעס
צעשראָקן זיך פאַר זאָרג פון אָנקומענדיקער ווינטער־נויט.
האָבן געענדז צעגראַגערט זיך, ווי פאַר אַן אומגעזועענעם שונא
און ווי פון אַ בלאָז־זאַק אויסגעהעשעט זייער כעס:
— מע וועט נישט קענען גייען אויף דער לאָנקע
און מ'עט מוזן בלייבן אויף דער גאַס.

האָבן קעפעלעך זיך פאַרגנבעט אונטער סטרעכעס,
ווי הינדעלעך, ווען ס'קאַפּעט פון די דעכער
און צוגעקוקט ווי עס שפרייט דער הימל טישטעכער פון ווייסטן לייך.
טאַטע־מאַמע האָבן געוואַרעמט זייער זאָרג אַריבערן נידעריקן פייער
[פון דער כאַטע
און געציילט דעם דלות פון די טעג:
— זיבן פאָר פיס און אַלע זענען נאַקעט,
און די ראַבע וועט זיך קעלבן ערשט אין מאַרט.
און זי, די מאַמע פון זיבן נאַקעטע פופקעס,
וואַרט אָפּ אַן אַכטן זויגלינג אויף דער האַנט.

אַן ערשטער שניי האָט צוגעדעקט דעם ברויט פון ווינטער־זריעה
און ס'האָט דער הימל נידעריק צעקושט זיך מיט דער ערד.

*

ווען סע שטעלט זיך דער ווינטער
מיט קורצע מעת־לעתן און לאַנגע ביינאַכטן,
און טשערעדע קען שוין נישט גיין אויף די פעלדער פון פאַשע;
און ס׳דעקן זיך צו די בוריאַנעס מיט פוכיקן ווייס ווי פון בליטן,
און ס׳ליגט שוין דער ברויט אונטער שנייען ווי ס׳לייב פון אַן ערשטלינג;
און זעלטענער הערט מען דעם קריי פון אַ האָן אויף די דעכער
און ס׳קנוילן אין בינט זיך די לעמער צו ווענט פון קאַשאַרעס,
און ס׳קלינגט שוין נישט אָפּ דאָס צעצויגענע ליד פון טשאַבאַנעס
מיט ברייטקייט פון סטעפּ און מיט זאַטקייט פון קאָרן
[און ווייצענע שטרעקעס;
און ס׳ענטפערט נישט אָפּ דער זשאַווראָנעק צום מרוקען פון קעלבער
און טריט ווערן פאַרפרוירן אין האַרבסטיקער לייב פון די גליבעס,
און ברונימער ווערן פאַרלאָזן פון פערד און פון בהמהשע טלויען —
פירט מען קוראַי אין מאַזשאַרעס דערוואַרעמען שטיבער;
לייגט מען אים אויסעט אין סטויגעס אַנטקעגן דעם ווינטער.
ווערן די קעפּ שוין באַלאָדן מיט ווינטערדיק שוויגן און וואַרטן.
זיצט מען אין כאַטעס ביי גלאָוונעס, מיט הענט סענקעוואַטע
און מען חלומט, ווי ס׳דרימלט דער ברויט אונטערן צודעק פון שנייען.

*

קומט מען איבער שוין דעם טויטן ווינטער
אין כאַטעס פויערשע, פאַרנייגטע פונעם שליאַך,
איז אין מאַרט שוין הײמלעכער אַסך.
עס הייבט שוין אָן צו טאַיען דער שניי פון נידעריקע סטרעכעס,
און ס׳בעט זיך שוין אין שטוב אַריין צום קעלבן
די קוטשעראַווע בת־יחידה פונעם שטאַל.
מען זעצט די קוואָקעס אויף די אָפּגעשפּאָרטע אייער
און מען ציילט די טעג אין שטעקן איינגעקאַרבט:
שוין זיבן פאָר טעג און נאָך אַ זיבעטל געבליבן איז צו וואַרטן,
ווען ס׳וועט דאָס ערשטע הינדעלע צעפּענען ס׳פּיסקל
וועט ווינטער אויף אַן אמת פאַרשטעקן זיך אויף יענער זייט פון
[שכנס באַרג.
און קעפּעלעך טונקעלע — שוואַרצע יאַגעדקעס
הייבן אָן אַרויסצושפּראָצן דורך די טירן,
ווי ערשטע קנאָספּן אויף די ווערבעדיקע ריטער פאַרן הויף,
און ווי זשאַווראָנקעס צוויטשערן זיי אַנטקעגן לינדן ווינטל
און ווי פליגעלעך הייבן אויף די הענטלעך
אין דער ערשטער וואַרעמקייט פון ווייטער זון.

II

געלעבט האָבן מיר, בערדיקע יידן,
אויף געמאַרקן, ביי שליאַכן און שטעטל;
געלעבט האָבן מיר זאַט מיט בטחון,
מיט קרעכצן, מיט ווי און מיט אָכן.

מיר האָבן זאָרגן געהאַט און קינדער געבוירן,
נישט געהאַט האָבן מיר זיי וואָס צו געבן.
געקומען אַ יאָר און אַוועק איז אַ יאָר
און עס זענען פאַרגאַנגען די יאָרן.

און בנים דערוואַקסענע, קינדער ווי דעמב,
האָבן ברוגז געקוקט אונז אין פנים.
און מיר האָבן אַ האַס אויף די ליפּן דערקענט —
אַ האַס אויף די ליפּן און כעס אויף הענט.

וואָס האָבן מיר דען, פינצטערע טאַטעס, געוווסט וואָס צו טאָן
מיט עלנט, מיט פיין און מיט זיפצן?
מיר זענען ווי שפּענער געלעגן אויף אַ מיסט,
ווי שפּענער אויף מיסט, אין פאַרוויסטונג.

און הענט האָבן געקוואָלן אומזיסט און אומנישט;
געקוואָלן אָן פרייד און אָן חשק.
מיר זענען געווען אַ צערודערט געזינד,
אַ צערודערט געזינד אין ווי און אין ווינד.

*

װאָס זאָל מען טאָן,
עס האָט אַזױ געװאָלט דער חבר לענין,
אַז מיר זאָלן זיך מיט ערד סאָװיעטישער דערקענען
און װיסן װי אַזױ עס קריכט פון ערד אַ גערשטן, צי אַ װײץ.
װי לאַנג האָבן מיר דעם װאָרטן נאָך געקענט,
װען אױף געמיסטבערג און געמערקן האָבן געדאַרט אַזױנע הענט?
מסתמא איז אַזױ באַשערט,
אַז מיר זאָלן אױף דער עלטער אונזער רוקן ברעכן
און לערנען האַנט װי אײנשפּאַנען אַ פערד.
מען זאָגט: אַ צװײטער דור־המדבר אָנגעשטאַנען איז אױף אונזער דאָליע —
װעלן מיר שױן, טאַטעס, װי עס איז דערשלעפּן אונזערע יאָרן.
און װי איר זעט, האָבן מיר זיך נישט פאַרלאָרן
און האָבן אױף דער עלטער געלערנט װי צו בראַנעװען דאָס פעלד.
עך, עך, דער אָקס האָט זיך געעקשנט
און אױף צו להכעיס נישט געװאָלט האָט גײן אין שפּאַן.
אָהאָ! ס'האָבן זיך צעטראָגן ידיעות פון דאַנען ביז קאַזאַן,
אַז אונז איז װױל און גוט דאָ אױף די ערטער
און אַז די רחבות בליט מיט יעדן יידנס טראָט אױף ערד דאָ.
געשריבן האָט אַזױ אַ קרוב מײנער, בערטשע פון כערסאָן.
האָב איך געענטפערט: אױב קומען, זאָל זײן קומען;
די מאַכט װעט שױן באַזעצן דיך אױף ערד.
אױב שמחות — װעלן מיר אינאײנעם זיך דערפרײען.
אױב לײד — איז לײדן בעסער שױן באַשערט אינצװײען.

*

צעבייזערט זיך אַ ייד פון אינדערזייטן,
מיט בעלמע אויף אַן אויג און הענט ווי דראַבענעס צעדרייטע:
— צו אַלדע שוואַרצע יאָר אַזאַ־אָ מזל!
אַזאַ־אָ פינצטערניש, אַזאַ־אָ פאַלן.
ווער האָט געבעטן זיי, די יידן דאָרטן אין אַמעריקאַנער שטאַטן,
צו ראַטעווען אונז יידן פון דער גסיסה?
בעסער וואָלט געווען שוין אומקומען דורך הונדערט טויטן,
אַבי נישט צוזען אַזוינע לייד און נויטן.

*

— אוואַ! אָוואַ! — צעקאָכט דאָס בלוט זיך ביי אַ צווייטן
(אין זיינע האָר צעצינדט זיך אַזאַ פלאַקער
און ס׳מויל צעקרימט זיך ווי אַ דוגע־בויגן):
— הערט נאָר ווערטער פון דעם פריץ איטשע!
ס׳געפעלט אים נישט, ס׳פּאַסט אים נישט צו נאָכגיין נאָכן אַקער.
מיר לעבן דאָך, פריצל איטשע, אין אַ צייט פון ראַטן —
איז צו אַלדע יאָר דיין אָך און וויי.
און אפשר פּאַסט דיר נישט מיט יאַטן,
איז גיי דיר, גיי!
ווערסט אויסזוכן אַ סליאַד צו דיינע ריסטאָקראַטן.

איי, אַזאַ מין ווייטיק, אַזאַ מין חרפה דאָ ביים האַרצן:
נו, שווער, אַוודאי שווער איז, טייערער ר׳ איטשע,
איז וואָס ביסטו געקומען מיט רייד אונז צו פאַרשוואַרצן?
אָט האָבן מיר די שטיבער אויפגעשטעלט מיט אונזערן סקאַרבאָוון ניגון
און האָבן די מיסט פון פערד און בהמה געקליבן אויף לאַמפּאַטש.

אַוודאי איז געווען נישט היימלעך אונזער ערשטע נאַכט,
ווען מיר האָבן אָקסן אונזערע, די ראַבע צוויי געשפּאַנט
און זיך געלאָזן אין אַ נאַכט אַ פינצטע ער זאַלבענאַנד.
אַזאַ שרעק האָט געקאָשעט נידריק ביים האַרצן.
מיר האָבן נישט געזשאַלעוועט די פיס
און נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט די ראַבע גדולים.
(מיר זענען דאַן געווען בחורים אַלע,
ווייב און קינד געלאָזן אינדערהיים.)
נו, האָבן מיר געהאַט אַ נאַכט... עס איז צום לאַכן!
אוי, אַזאַ נאַכט — אויף ווייטער נישט געדאַכט:
הוילער סטעפּ. קיין בוים אונז צו דערקוויקן פאַר אַ צייכן.
און ווען מיר האָבן די אָקסן אונזערע פון שפּאַן באַפרייט אויף פּאַשע,
האָט זיך גענומען ערשט דער סטעפּ צו דרייען פאַרן קאָפּ:
איין אָקס אויף רעכטס, דער צווייטער האָט געטראָגן זיינע הערנער
מיט ווינט, מיט נאַכט, מיט פינצטערניש, מיט דערנער.
עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעכטע לויפעניש און אַ בהלה.
גיי האַלט אים צו ביים עק,
ווען ער איז שטאַרקער ווי אַ צוואָנציק בריות ווי מנשה.
נו, האָבן מיר געהאַט אַ נאַכט! עס איז צום לאַכן:
די גדולים האָבן נאָר געשלעפּט אין ברויטן און אין פרעמדן קאָרן.
מיט טענות האָבן מיר דען געקענט וואָס מאַכן?

איי, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונז פון פרעמדן קאָרן!
פון רעכטס און לינקס האָט מען געשמיסן און געשלאָגן.

די פויערים האָבן זיך צעבושעוועט:
אַ ווילדער כעס האָט געשלאָגן איבערן פנים,
דער כעס האָט געברענט, למאַי מען ברענגט די יידן צו באַזעצן.

ס'האָט שוין געהאַט גענומען טאָגן,
ווען איינער פון די רוצחים האָט דערקענט מיין צורה
און זיך געוואָרפן מיט אַ רעוועך אויף מיין האַלדז:
— אַך, דאָס ביסטו, מיין טייערינקער, וווילינקער מנשה!
דערקענסט דען נישט דיין כוועדקעס צורה?
מסתמא שוין באַוואַקסן ווי אַ בער.
קומט אַהער, חברים, קומט נענטער אַהער!
חברים, ברידער, קוקט אים אָן —
געוואַקסן טיר ביי טיר.
געוועז אַ נאַכט אַזאַ, אַ בורע;
דאָס גאַנצע דאָרף איז דאַן געגאַנגען מיטן פייער.
באַרוואָלט האָבן אונזערע אַ הוליע טאָן מיט האַק און לאָם.
אין האַרצן האָט געסמאַליעט אַזאַ פייער.

עס האָט געקאָסט אונז טייער:
געגאַנגען איז מען אויף סיביר —
אַזוי באַפוילן האָט חבר לענין.

אוי, יאָרעלעך, אוי, פייגעלעך, ווי גיך איר זייט פאַרפלויגן ?
און אָט ביסטו און אָט בין איך — דו, טייערער מנשה.
געווען איז, ברודער, דאַן אַ פייער אין די אויגן,
ווען איך האָב איבער דיר אַ מעסער אויפגעהויבן.

— — — — — — — — — — —

האָבן מיר זיך געהאַלדזט און געקושט
און האָבן אין פרעמדן ברויט אַוועקגעזעצט זיך
און זיך צערעוועט אויפן קול.

*

בישקשה, מען האָט זיך אויסגעלערנט צו שטעלן אַנטקעגן קורגאַנעס,
וואָס האָט געהאָלפן ווײ־געשריי און קלאָגעניש פון ווייבער,
מיט שטראָף־רייד און מיט טענות,
אַז הונגער וועט אונז ווי די הינט אַוועקלייגן?
אויף וויסטע פעלדער יענע טעג און יאָרן!
מען האָט געליטן שווערע פּיין און נויט,
געווען איז מען צוגלייך מיט קויט.
מען האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן:
מיר האָבן געליטן קעלט
און האָבן צוגלייך מיט ערד און ווינטערצייט געפרוירן,
און צוגלייך מיט ערד אין היץ געשרפּעט אונזער פּנים
און קיינמאָל נישט געפּעלט און נישט פאַרפּעלט
צו טאָן אונזער אַרבעט
פון ערשטן קריי,
ביז נאַכט,
ביז שפּעט.

*

נישט צו פאַרזינדיקן, מיר עסן שוין פון אייגענער האָרעוואַניע.
מיר עסן שוין אַן אייגן שטיקל ברויט.
מיר האָבן געליטן, געליטן אויף פעלדער פון ווייסרוסיע און אוקראַינע
און האָבן נישט געהאַט ווו צו דערטרינקען אונזער נויט.

מען האָט גערעדט צווישן זיך, אַז יידן טויגן נישט צו גאָרנישט,
אַז יידנס האַנט איז נאָר געוווינט צו וואָג און שאָל.
די ראַטן האָבן זיך געברוגזט און געזאָגט: מען טאָר נישט...
צו אַלדע גוטע יאָר אים, אונזער נעכטיקן אַמאָל!

מיר זענען דאָך געקומען אָן אַ העמד אויף רוקן;
אַפילו אָן אַ שטרוי אין דער־אָ האַנט.
די ראַטן האָבן אָנגעזאָגט: חברים, ס׳איז נישט אַ צייט אויף קוקן!
און ס׳האָבן זיך גענומען צי׳ען קאַנט נאָך קאַנט.

*

אוּן ס׳קוּמט אָן אַ פוּיער אַ יוּסטער מיט הענט ווי באַוואַקסענע וואָרצלען ;
מיט אימפּעט אין בליק און מיט האַרטקייט אין טראָט און מיט
[צייטיקער חכמה באַשטערנט.
בעמט אָן מיין האַנט און ער דריקט זי מיט פריידיקער גבורה—אַ שלום :
— שלוה געקומען צו זוכן מסתמא ביי אונז אויף די פעלדער ?
אַוודאי, ס׳איז שלוה געננוג דאָ פאַראַן צו געפינען.
איז ווייזט=זשע, איר פרייליכע יאַטן, ווי ס׳טאַנצן ביי אונז
[אויף די סטעפּן
אַ זון מיט אַ רעגן, אַ ווינט און אַ פריידיקער וויכער אויף סטעפּן.
אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ בויג מיטן קאָפּ און אַ האָפּיי !
אַ זעץ אין דער ערד און אַ פליק טאָן אַ מויד און אַ טראָג
[אין דער לופטן —
אָט ווי עס פּאַסט פאַר אַזוינע ווי מיר, פאַר אַזוינע יחסנים.
וואָס שטייט איר שוין ווידער, איר יאָלדן, איר ליימענע האָזן ?
נו, כאַצע און איטשע, און בערל און איציק פון בראָזע !
אַ נעם זיך פאַר הענט און פאַר אַקסל און ווייזט אונזער האָרע !

מיר זענען פון מינסק און פון בריאַנסק און פון אומאַן און שפּאָלע:
אַ פּשוטע, מאָכיקע עדה געווען, מיט דאגות און צרות,
מיט מאַרק און מיט רויך, מיט ווינט און מיט זאָרג אין די פּאָלעס.
אַ שרעק האָט געלויערט און שטענדיק געווען איז דער הימל פאַרצויגן
מיט פינצטערע טעג און מיט כמאַרע און טונקעלע בלוט אין די אויגן.
איז ווייזט־זשע, איר פריילעכע יאַטן, ווי ס'טאַנצן ביי אונז
[אויף די סטעפּן
אַ זון מיט אַ רעגן, אַ ווינט און אַ פריידיקער וויכער אויף סטעפּן!

*

אך, יידן טייערע! אַך, יידן אָפּגעפּליקט פון ווינטן!
וואָס זאָל איך ענטפערן אייך, וואָס זאָל איך זאָגן,
ווען אייער לעבן ליגט פאַר מיר, ווי רעשטלעך ווייץ אין בינטן?
פאַר וועמען און ווהין זאָל איך דען אייער גרוס פאַרטראָגן?

איך בין געקומען פון אַ ווייטן וועג צו אָנקוקן אַ וואונדער;
אַ וואונדער און אַ טרוים פון יאָרנהונדערט.
איך בין געקומען. איך האָב געפונען אייך אין פעלד מיט
שאָף און רינדער:
מחנותווייז, אין צווייען און באַזונדער.

אַוודאי איז דער גורל אונזערער אַצינדערט
מיט ווינט, מיט שטורעם און מיט רעגן.
און נישט צו שפּליטערן און נישט צו קלענערן און נישט פאַרמינדערן
דעם שטייגן אונזערן אויף בליענדיקע וועגן.

*

מאַמעס אַקערן־אויף די ערד,
בראָנעוועז און שניידן.
מאַמעס גייען נאָך די פערד,
מאַמעס וויגן איין די ליידן.

מאַמעס וויגן זייער וויג
מיט אַ ליד פון מיען.
מאַמעס זינגען ביי דער וויג,
אַז די פעלדער בליען.

מאַמעס זענען שווער און מיד,
ווייסן דאָ פון ליידן,
מאַמעס ווייגען איבערן וויג —
מאַמעס קענען שווייגן.

מאַמעס וויינען זייער ליד,
קינדערלעך פאַרוויגן ;
וויגן זיי די וויגן מיד,
מיט אַ תחינה־ניגון.

מאַמעס אַקערן־אויף די ערד,
בראָנעווען און שניידן.
מאַמעס גייען נאָך די פערד,
מאַמעס וויגן איין די ליידן.

*

ס'קריכט פון דרערד אַ גרעזועלע —
שלאָף־זשע, שלאָף, מיין העזועלע.
ליוליגקע, מיין קינד.

צו דיין וויג אָן ווינדעלעך
קומען שאָף און רינדעלעך.
ליולינקע, מיין קינד.

שטוב איז נאָך אָן דעכעלע —
שלאָף־זשע אונטערן סטרעכעלע.
ליולינקע, מיין קינד.

דו ביסט אַן איבערוואַנדערער,
דו און איך און אַנדערע.
ליולינקע, מיין קינד.

דיין טאַטע איז אין פעלד פאַראַן;
דער טאַטע מיטן אָקסן־שפּאַן.
ליולינקע, מיין קינד.

קוועלט דער באָב אין שויטעלע;
אין פעלד גייט־אויף אַ ברויטעלע.
ליולינקע, מיין קינד.

וואַקס, מיין קינד, אַ גרויסער אויס,
עס קוקט אויף דיר דאָס פעלד אַרויס.
ליולינקע, מיין קינד.

III

און ס'האָט אַן עדה יידן, אַן עדה בערדיקע און גרויע יידן
גענקוקט אויף מיר מיט חידוש און מיט וווּנדער
און מיר געדריקט מיט צערטלעכקייט די האַנט,
און חידושדיקע ווערטער האָבן פון גרייזע ליפּן צו מיר געקרייזלט
[זיך אַרונטער:

— אַ יונגער צווייג אַזאַ, אַ יונגע ווערבע
זאָל מיטפילן די לײדן און דעם צער פון אַלטע לייט!
אָ, די צייטן גייען אום פאַרשייטע,
דער ווינט האָט אַלץ אַראָפּגעטרייסלט פון די צווייגן
און געלאָזן אונז אַן עדה נאַקעטע און הוילע שטאַמען.
די אייניקלעך,
די קאָמסאָמאָלן,
קוקן קרום אין אונזער זייט.
נישטאָ איז ווו דעם צער באַהאַלטן;
בלאָנקען מיר זיך אום ווי מטבעות אָפּגעריבן און אָפּגענוצטע.
מיר זענען זיידעס, אָבער העגט האָבן מיר וואָס גאָרן אַרבעט

און אַיעדער גליד וויל נוצן ברענגען דעם באַגין.
צו וועמען־זשע, צו וועמען און וווהין
זאָלן מיר דעם ווייטיק ווענדן?
אַ שפּעטע שעה שלאָגט איבער אונזער לעבן;
אַ שפּעטע, ווי פון זון אַן אויסגעזויגן טוי.
די אייניקלעך,
די קאָמסאָמאָלן,
ווילן פון אונז נישט הערן און נישט וויסן
און קוקן בײַטער אונז אין פּנים.

*

אָ, זיידעס, זיידעס גרויענקע פון צייטן און פאַרצייטן!
אַוודאי איז די וואָר אַזאַ, וואָס שיילט און ענדערט אום געשטאַלטן
און צעטרייסלט און צעגלידערט און צעשטויבט אַ באַלקן נאָך אַ באַלקן,
און וואָס שוינט נישט יונג און אַלטן.

אָ, זיידעס, זיידעס גרויענקע פון צייטן און פאַרצייטן,
איר, בלעטער אָפּגעפאַלענע, איר, אונטערגעשניטענע דעמבעס!
איר זייט געוואָקסן, איר האָט געבליט ווי אין אַ וואַלד אין חשכות
און געזונגען זמירות צו פאַרצייטן.
אָ, צייטן שווימען, צייטן בייטן זיך און בייטן
און אַלטע וואָרצלען ווערן פאַרשוועקט פון שטאַרקן שטראָם.
איז נישט באַדויערט און נישט באַוויינט און נישט באַטרויערט
די טעג אונזערע די נייע פול מיט װוּנדער.
אָ, ווער, אָ, ווער אויף גאָרער וועלט וועט אויפהייבן אַ האַנט אַצינדערט
און אָנווייזן:
אָט איז די ערד
און נעם און זייע און אַקער־אויף דאָס אַלטע פּנים?
אַזאַ־אָ וואונדער, אַזאַ־אָ וואונדער איז אויף אונזער שוועל אַצינדערט!

*

נישט אַנדערש, דער טוי איז געפֿאַלן אויף טרוקענע וואָרצלען.
נישט אַנדערש, דער האַרבסט איז געקומען צו בלייבן.
נישט אַנדערש, דער ווינט האָט פֿאַרסמט אַלע קוואַלן
און האָט איבער אונז אַלע מילן געלאָזן,
אַז ווינט זאָל צעמאָלן, אַז ווינט זאָל צערייבן,
ס'זאָל קיין סימן, קיין זכר אַפֿילו נישט בלייבן
אויף דערמאָנונג.
נישט אַנדערש, מיר זענען אין יאוש פֿאַרזונקען;
נישט אַנדערש, מיר האָבן געלעבט ווי מיראַזשן
און האָבן געהאַלדזט און האָבן געוויקלט
מיט פּחד די ווינקלען.
מיר האָבן אין חלום געזעען אַ מדבר
און האָבן געפֿירט דאָרט די בענקשאַפֿט צו טרינקען.
קעמלען האָבן דעמערונג־לידער אויף האָרבן געטראָגן
און קעמלען האָבן פֿייגן אין קוישן געפֿירט דורכן מדבר
און האָבן די בענקשאַפֿט אין חלום געזעטיקט.
געקומען אַ דור און אַוועק איז אַ דור
און אַלץ איז געווען אַזוי פּשוט און קלאָר:
מיר האָבן מיראַזשן געקוקט אין די אויגן
און האָבן פֿאַרנומען דאָס וואָרקען פֿון טויבן
און אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר.

*

אַ, זיידעס, אָ, זיידעס — איר, גרויענקע זיידעס!
ס׳האָבן יונגינקע קינדער אויף תּליות געזונגען
און גענומען די שטריק מיט אַ ברכה אויף ליפּן:
יונגינקע קינדער מיט מאַמישעס מילך נאָך אויף ליפּן.
און איר האָט געפלוכט און איר האָט געשאָלטן;
און איר האָט געשאָלטן דעם טאָג פון געבוירן,
ווען יונגינקע קינדער זענען צו תּליות געגאַנגען.
און איר האָט פאַרזען און איר האָט פאַרלוירן
דעם שיין און דעם אויפגאַנג פון ערד און פון זאַנגען.
און איר האָט אַ דור אויסגעטיילט פון די בלוטן,
אַ דור מיט אַ שאַרף אין דער האַנט און מיט שניטן,
וואָס האָט געלאָזט און געריסן די בריקן — — —
— — — — — — — — — —

*

אָ, קאָמסאָמאָלן!
איר, שלאַנקע און פלינקע,
איר, בויגיקע שטאַמען,
ווי רייען טאָפּאָלן
דורך ווינט און דורך פלאַמען!

אָ, קאָמסאָמאָלן!
ווי זאָלן,
ווי זאָלן
די ווייטע אַמאָלן
באַצאָלן?

אָ, קאָמסאָמאָלן!
די טאַטעס און זיידעס,
וואָס נעמט איר
אויף שאָלן?

אָ, קאָמסאָמאָלן!
וואָס שערט איר מיט שטאָלן
די ליינען און וואָלן
פון ווייטע אַמאָלן?

✲

דער מיסטבאַרג איז גרויס
און דער מיסטבאַרג איז לייביק.
און אייגענער שויס
איז פאַרסמט און איז ליידיק.
ווער האָט עס געלאָזן,
אַז אַן עדה זאָל בלייבן
אויף אייגענעם מיסטבאַרג,
אויף מיסטבאַרג צו קלייבן?

*

מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט,
מיר, קאָמסאָמאָלן,
מיט בערדיקע יידן, מיר ווילן נישט קהלן.

מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט,
מיר, קאָמסאָמאָלן,
צו טיילן דעם היינט מיט די ווייטע אַמאָלן.

מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט,
מיר, קאָמסאָמאָלן,
מיר ווילן נישט טראָגן די זיידישע צולן.

מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט,
מיר, קאָמסאָמאָלן,
דעם אָפּגאַנג פון צייטן צו צאָלן און צאָלן.

מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט,
מיר, קאָמסאָמאָלן,
די ליינען און וואָלן פון ווייטע אַמאָלן.

IV

מיר גייען נאָך מיט נאַכט אויף אונזערע אַקסלען,
ווי קאָרענע באַגינענס אונזער לייב.
רייפט אַ פעלד מיט ברויט אין פולע זאַנגען:
— נאָענטער און ווייטער — בלייב!

ווער וועט קומען, ווער וועט היינט זיך מערן?
זאַט און פעט מיט ערד זענען די טעג.
זאָלן אַלע קומען און זאָלן אַלע הערן:
— יונג איז ערד און רויט איז בלוט — מען מעג!

רייפט אַ פעלד מיט ברויט אין פולע זאַנגען
און עס זיפּט זיך אַזאַ בלויע לופט.
ווארט אַ פעלד אויף שניטער און געזאַנגען
און די זאַטקייט מאָנט און רופט.

שמייכלט קיילעכדיק די רייפקייט אויף באַשטאַנעס
און ברוינט אַ ווייצענע די ערד —
און זאָל קיין איינציקער נישט לאָזן זיך פון דאַנען:
מיר גרייטן זיך צו יום־טובן מיט ערד.

מיר גייען נאָך מיט נאַכט אויף אונזערע אַקסלען,
ווי קאָרענע באַגינענס אונזער לייב.
רייפט אַ פעלד מיט ברויט אין פולע זאַנגען:
— נאָענטער און ווייטער — בלייב!

*

נישט זאָג, דיר איז ענג דאָ דער בליק
אויף אַן ערד פון געאייניקטן צוויט.
מיר זענען דאָך צינדער פון גליק
און מיר גאַרן אַ גאָלדענעם שניט.

לאָמיר יום־טובן היינט אונזער פרייד
און זאָל אונזער מי זיין געשוינט.
מיר האָבן, מיר האָבן פאַרזייט
די קערנער פון אייגענעם ברויט.

נישט קוק און נישט גאַר און נישט צינד
די בענקשאַפט, וואָס פירט אויף צוריק.
מיר זענען אַ געאייניקט געזינד
און זייען די קערנער פון גליק.

נישט זאָג, דיר איז ענג דאָ דער בליק
אויף אַן ערד פון געאייניקטן צוויט,
מיר זענען דאָך צינדער פון גליק
און מיר גאַרן אַ גאָלדענעם שניט.

*

זייעט אייך, יידן טייערע, זייעט געזונטערהייט !
מיר וועלן קומען עסן און דערקוויקן זיך מיט אייער וואַרעם ברויט.
עס זענען ברידער דאָ ביים ווייסל און ביים האָדסן־ברעג
און ביי לאַפּלאַטאַ און ביים ירדנס דורותדיקן שטעג,
וואָס זענען אייך מקנא אייער מי.
איך בין געקומען בלויז אַביסעלע צו פרי,
ווען קראַמף פון וויי־געבוירט האָט זיך געכפּלט אין אַ טויזנט־
[פאַכיקן געשריי
און איבערן קאָפּ אַזאַ יללהדיקער ווי,
איבער אַ הייפעלע, איבער אַ מחנה אָפּגעריסענע — — !

נישט גרינג איז צו פאַראַקערן ס'פּנים פון אַ דורותדיקן זיין
און מיט אַן איינצלנעם אַן אויסגעשריי אין בלוט און ביין מקבל זיין
די אָנזאָגער פון בשורות גרינגערע צו לינדערן דעם פיין
איבער אַ הייפעלע. איבער אַ מחנה הונגעריקע קעפּ — —

איך בין געקומען צו אייער ערשטער שטאָפּל־טרעפּ,
צו צייכענען אי צער, אי פרייד, אי פיין
אויף שטאָפּלען פון אַ נייעם ווידערוווקס אין אויפגייענדער שיין.

ווען מי איז זאָרג און מי איז ברויט אין נייער היים,

[אין שווייגנדיקן סטעפּ,

און מי איז פרייד און זינגעוודיק בלוט!

און שטייענדיק אויף שטאַפּלען פון אַ שטייגנדיקער פרייד,

זינג איך אַ ליד צו אייער היינט אין גאָרנדיקע לייד —

אויפגיין וועט אַן אויפשטראַלונג אין נייעם מוט

און קומען וועט עס ווי אַ שכר פאַר אייער אויסגעפייניקט בלוט.

אַגאַי, קרים, 1928

א י נ ה אַ ל ט

אין שעהן פון ליבשאַפט

זייט

אין שעהן פון ליבשאַפט I — XIII 9

נישט געקומען 22

* * * 23

* * * 24

* * * 25

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע 26

אין דער גאָלדענער פרעמד

אין דער גאָלדענער פרעמד 29

אין וואַגל 30

* 31

גלוסטיקע 32

* * * 34

* * * 35

* * * 36

מיינע טעג 37

* * * 38

אַלבאַטראָס 39

מאַורי - פּרינצעסין 41

וואַנגאַנואַי 43

קאַרו 45

אויף אַפריקעס וועגן 47

	זייט
קאלאהארי	48
* * *	49
* * *	50
בושלען	52
געוויטער	53
* * *	54
בוענאס-איירעס	55
*	56
מיטן געלן ים	57
* * *	59
איך בין, מאמע, היים-פארבענקט	60
* * *	62
* * *	64
אין אפגלאנץ פון יהוסדיקן בלוט.	65
ציגיינער	66
* * *	68
רויטע פאזאנען	69
* * *	70
* * *	71
* * *	72

מזרח-געזאנגען

מדבר I — VI	75
איך טרינק (מאטא)	81
גאנגעס I — IV	82
* * *	86
* * *	88
* * *	89
הימאלייען	91
עווערעסט I — II	92

זייט

* * * 94
* * * 95
יאַפּאַן 96
ישישים 101
* * * 103
סאַיאַנאַרא 104
יפתחס טאָכטער 106
ירושלים א — ו 108

ס׳איז דאָ אַ צייט

* * * 117
קומען טעג 118
געזאַנג צום עפּלבוים 120
צו דיר, ערד I — VI 121
טריקעניש 128
גייען געגז 129
* 130
* * * 131
טרעט שטילער 132
טעג האָבן דיך פאַררעאַטן I — II 133
צו 135
* * * 136
* * * 137
* * * 138
אַ בלעטל 139
האַרבסט 140
בריוו 141
ווען נאַכט פאַלט צו 143
אותיות 144
* * * 145

אין היימלעכקייט בליט ווייס די שרעק

	זייט
שעלט נישט	149
אוודאי	150
איין־און־דרייסיק פון געבוירן	152
*	153
אימעט וואוינט אין טונקל פון דיינע וויעס	155
אין היימלעכקייט בליט ווייס די שרעק	156
עזאנג פון אלמנות	157
* * *	158
פארוואנדלונג	159
דערקענונג	160
* * *	161
צו א מאמע	162
שוועסטער	163
דודע מיר, דודע, א ניגון	166
פּאָרטרעט	167
דאָס בלוט רעדט	168
רגעס אומעטיקע	169
מער ווי די ערד	170

אומעטיק נידערט אויף לעבן, האָרץ מיינס, דער טוי

סמאָטשע (א גאס אזא) I—V	175
* * *	180
הונגערלאַנד	181
ליד פון שאָכטיזערן	182
צו הערפּאשנע מענער־העגט	183
ביים לאָדן א שיף I—II	185
מוקדען I—II	187

	זייט
סייגאָן	190
ביים ראַנד פון כינע	191
מיט דורשט אויף ליפּן	192
* * *	193
נישט שענד!	194
אַ ליד צום קאַרטאָפל	195
מען שעכט אונז	196
* * *	198

און אַלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי

* * *	201
אונזער פעלך	202
מיר זיינען אַזוינע געגאַרטע	203
טויזנט־לענדערדיקע בענקשאַפט	204
*	205
*	206
*	207
ווי, יידיש ליד	208
* * *	211
טריט	212
האַמעל, 1905—1928	213
*	214
* * *	215
צו קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	216
* * *	218
* * *	219
פאַר יעסענינס קבר	220
אַוודאַי, מיינע טייערע	222
*	223

זייט

* 224
* 226
* 227
און צלץ וועט אויפגיין פון דאָס ניי 229
יונג איז ערד און רויט איז בלוט (פּאָעמען) 231